A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4160 TORONTO MONDAY APRIL 14 1924 יא ניסן, תרפ"ד. טאראנטא, מאנטאג דער 15־טער אפריל, 1924. PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY APR 1924

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.

קאנגרעס נעמט אן דעם דזשאנסאן אימיגראציאנס ביל, רעגיסטראציע פון פרעמדע נידערגעשטימט

רעפרעזענטאנטען־הויז נעהמט אן דעם ביל וואס רעדוצירט די קוואטא פון דריי אויף צוויי פראצענט באזירט אויף דעם צענזוס פון 1890. — אמענדמענט צו ארייגלאזען בלויז צוויי הונדערט טויזענט אימיגראנטען א יאהר איז דורכגעפאלען. — יאפאנישע אימיגראנטען אינגאנצען אויסגעשלאסען. — סענאט דארף נאך האנדלען.

וואשינגטאן, אפריל, 13.

די רעפרעזענטאנטען־הויז האט נעכטען אנגענומען דעם אימיגראציאנס־ביל פון קאנגרעסמאן דזשאנסאן וואס רעדוצירט די קוואטא פון דריי אויף צוויי פראצענט און באשטימט, אז די קוואטא זאל זיין באזירט אויף דעם 1890 צענזוס.

אן אמענדמענט, אז נאך דעם ערשטען יולי, 1926, זאלען ארייגעלאזען ווערען יעהרליך בלויז צוויי הונדערט טויזענט אימיגראנטען אין דורכגעפאלען.

א צווייטער אמענדמענט וועלכער פאדערט, אז אלע פרעמדע („איילינס") מוזען זיך רעגיסטרירען איז אויך נידערגעשטימט געווארען.

פאר די יאפאנעזישע אימיגראנטען זענען די טויערען פון די פאראייניגטע שטאאטען אינגאנצען געשלאסען געווארען, לויט דעם אנגענומענעם ביל.

דער אימיגראציאנס־ביל ווערט איצט פארהאנדעלט אין סענאט און אויב עס וועט דארטען אנגענומען ווערען וועט עס געשיקט ווערען צום פרעזידענט פאר זיין אונטערשריפט.

דער אנגענומענער ביל, אויב ער זאל ווערען א געזעץ, איז א טויט־קלאפ פאר די אידישע אימיגראנטען. א זעהר קליינע צאהל אידישע אימיגראנטען וועלען דאן קאנען ארייגקומען אין לאנד.

הונדערט מיטגלידער פון סאווינקאוו'ס גרופע ווערען פראצעסירט אין לענינגראד

לענינגראד, אפריל, 13, (איטא).

הונדערט מיטגלידער פון סאווינקאוו'ס גרופע ווערען דא איצט פראצעסירט. צווישען אנדערע ווערען זיי אויך באשולדיגט אין מאכען פאגראמען אויף אידען.

סאווינקאוו, ווי באקאנט, איז געווען א באריהמטער סאציאליסט־רעוואלוציאנער. נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע איז ער געווארען א ביטערער געגנער פון די באלשעוויקעס, און האט ארגאניזירט קאנטער־רעוואלוציאנערע אויפשטאנדען. עס זענען געמאכט געווארען באשולדיגונגען אז זיינע חברים האבען געמאכט פאגראמען אויף אידען.

אידישער קאמוניסט־פראוואקאטאר פאראורטיילט צום טויט

מאסקווע, אפריל, 13, (איטא).

רייך, אן אנגעזעהענער קאמוניסט אין אדעס, וועלכער האט פארנומען די שטעלע פון פריזאן־אינספעקטאר, איז פאראורטיילט געווארען צום טויט ווייל עס איז אויסגעפונען געווארען, אז ער איז געווען א פראוואקאטאר. רייך האט זיך מודה געווען, אז ער האט דריי יאהר געדינט אין דער „אכראנקע".

דער פראצעס איז פארגעקומען אין אדעס און האט געדויערט אכט טעג.

קונסטטווערק איז ווערט פון א מיליאן געקויפט פאר עטליכע סענט אין וויניפעג

א באריהמט בילד, וואס איז געמאכט געווארען פון אן אלטען נאמהאפטען מאהלער וועלאסקעז אדער פראנץ האלס, איז געקויפט געווארען אין א וויניפעגער דזשאנק שאפ פאר עטליכע סענט. אזא געשיכטע איז איצט דערצעהלט געווארען פון מרס. סטיוארט ליווינגסטאן פון האמילטאן. דאס בילד געפינט זיך יעצט אין ניו־יארק און וועט אויסגעשטעלט ווערען אין מעטראפאליטען מוזעאום.

דייטשער מיניסטארען־קאבינעט נעמט אן דעם עקספערטען־פלאן

פרעמיערען פון דייטשע פראווינצען וועלען היינט אינפארמירט ווערען וועגען דעם באשלוס פון דער רעגירונג אנצונעהמען דעם עקספערטען־פלאן וועגען שאדענערזאץ. — נייער רייכסטאג וועט זיין געגען.

בערלין, אפריל, 13.

דער מיניסטארען־קאבינעט האט באשלאסען אנצונעהמען דעם פלאן פון דער עקספערטען־קאמיסיע וועגען דעם אופן ווי צו לעזען די שאדענערזאץ־פראבלעם. אויף מארגען איז פאררופען געווארען א קאנפערענץ פון אלע דייטשע פראווינצען וואו דיזער באשלוס פון דער רעגירונג וועט באקאנט ווערען.

דער דייטשער נאציאנאלער עקאנאמישער ראט האט אויך גוטגעהייסען דעם עקספערטען־פלאן בתנאי, אז דייטשלאנד זאל האבען דעם עקאנאמישען קאנטראל אויף די געגענדען וואס זענען איצט אקופירט פון די פראנצויזען און בעלגיער, אז עס זאל אפגעשאפט ווערען דער קאסטאמס־באריער צווישען אקופירטען און ניט אקופירטען דייטשלאנד, און עס זאל געשאפען ווערען אן אינטערנאציאנאלע הלואה.

עס איז אבער זעהר מעגליך אז די גאנצע ארבייט פון די עקספערטען זאל זיין ארויסגעווארפען. דייטשלאנד איז ערב רייכסטאג־וואהלען און עס ווערט אלגעמיין ערווארטעט, אז עס וועלען זיגען די נאציאנאליסטען. אויב דאס זאל ווירקליך זיין דער פאל וועט דער נייער רייכסטאג זיכער צוריקווייזען דעם גאנצען פלאן.

משומד זאגט ער איז א איד און וויל ניט האבען אנטיסעמיטישען ריכטער

דאנציג, אפריל, 13. (איטא).

דא איז פארגעקומען דער פאלגענדער אינטערעסאנטער פאל:

א גע'שמד'טער איד מיט'ן נאמען יאקאבי, א געוועזענער דעפוטאט, איז פארגעבראכט געווארען פאר פארשידענע קלאגען פאר א ריכטער, וועלכער איז באוואוסטער אלס שונא ישראל. אוים דעם טעם האט דער אנגעקלאגטער פארלאנגט צו האבען אן אנדער ריכטער.

איך בין א איד — האט יאקאבי גע'טענה'ט און דער ריכטער וועט האבען א פאראורטייל געגען מיר.

ווי אזוי ביזסטו א איד — האט דער ריכטער געשפארט זיך ווען איהר זייט דאך גע'שמד'ט.

דער פראצעס איז דערוויול אפגעלעגט געווארען ביז עס וועט קלאהר ווערען דיזער פונקט.

ליטווישער סיים נעגען זונטאג צוואנגס־רוה

קאוונע, אפריל, 13, (איטא).

גאנץ אומערווארטעט האט דער סיים דורכגעווארפען דעם געזעץ־פראיעקט וועגען זונטאג־רוה.

דער געזעץ־פראיעקט איז דורכגעגאנגען די ערשטע צוויי פארלעזונגען און מען האט געמיינט, אז ער וועט זיכער ווערען א געזעץ. דערפאר די איבערראשונג ווען דער סיים האט עס נידערגעשטימט.

מ. ראשקעס'עס ענטפער

אין'ם מארגענדיגען „זשורנאל" וועט צווישען אלע אנדערע ארטיקלען אויך זיין אן ענטפער פון מ. ראשקעס'ן צו ל. בראמסאנ'ס ארטיקעל. מארגען אין „זשורנאל".

יוניאנס הייסען גוט זאמלונג אין די שעפער פאר געווערקשאפטען קאמפיין

—):(—

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער ארבייטער קאנפערענץ וואס פיהרט אן מיט'ן געווערקשאפטען־קאמפיין פאר די פאלעסטינער אידישע ארבייטער, איז באריכטעט געווארען, אז די דזשאינט באארדס פון דער אמאלגאמייטעד יוניאן און פון דער קלאוקמאכער יוניאן האבען גוטגעהייסען א זאמלונג אין די שעפער פאר דעם קאמפיין. די שאפ טשערליים וועלען אויפגעפאדערט ווערען צו דורכפיהרען דיזע ארבייט.

די זאמלונג אין די שעפער וועט זיך אנהויבען די וואך. די קאנפערענץ האט נעכטען אויסגעארבייט פלענער ווי אזוי דיזע ארבייט זאל זיין ערפאלגרייך.

קרים ווערט אידישער פארמער־צענטער, זאגט דר. באגען

ניו־יארק, אפריל, 13, (איטא).

דר. בארים באגען, דירעקטאר פון „דזשאינט", איז נעכטען אנגעקומען פון איראפא. ער האט ערקלעהרט, אז דאס אידישע לעבען אויף יענער זייט ים שטעלט זיך ביסלאכווייז איין. ער לעגט באזונדערס גרויסע האפנונגען אויף דער אידישער קאלאניזאציע אין קרים, וואו עס האט זיך שוין געבילדעט א באדייטענדער אידישער פארמער־צענטער.

דר. באגען האלט אין שרייבען צוויי ביכער וועגען אידישען לעבען אין איראפא.

סאוויעט וועט פאדערען פארגיטיגונג פאר פאגראמען

לאנדאן, אפריל, 13, (איטא).

די רוסישע סאוויעט־פארטרעטער באשטעטיגען אפיציעל די ידיעה אז אויף דער קאנפערענץ מיט ענגלאנד וועלען די רוסישע דעלעגאטען צושטעלען א „ביל" פאר'ן גאנצען שאדען וואס איז געמאכט געווארען פון די פאגראם־באנדעם וואס זענען דירעקט און אומדירעקט געשטיצט געווארען פון ענגלאנד.

סאציאליסטען זיגען אין דענמארק

קאפענהאגען, אפריל, 13.

די אפיציעלע „ריטוירנס" פון די פארלאמענטארישע וואהלען צייגען, אז די רעגירונגס־פארטיי האט געליטען א נידערלאגע און די סאציאליסטישע פארטיי האט ערוועהלט די גרעסטע צאהל דעפוטאטען. די סאציאליסטען האבען ערוועהלט 55 פארטרעטער, די ליבעראלען — 44, די קאנסערוואטיווען — 27 און די אומאפהענגיגע ליבעראלען — 20.

ארבייטסלאזע דעמאנסטרירען היינט לעבען סיטי האל

אויף א פארזאמלונג פון פיער הונדערט ארבייטסלאזע, שבת נאכמיטאג, אין קווינס פארק, איז באשלאסען געווארען צו מאכען א דעמאנסטראציע לעבען סיטי האל היינט פריה און פאדערן, אז דער סיטי קאונסיל זאל אויסהערען זייער פארלאנג.

דער פלאן צו מארשירען קיין אטאווא איז אויפגעגעבען געווארען, ווייל פון דארט האט מען גאנץ קלאהר געלאזט וויסען, אז הילף פאר ארבייטסלאזע דארף געשאפען ווערען פון די מוניציפאלע און פראווינציעלע רעגירונגען.

אידישע פראצעסיע אין ירושלים פארווערט

ירושלים, אפריל, 13, (איטא).

די רעגירונג האט פארבאטען א אידישע פראצעסיע וואס האט געזאלט צייגען די פסח־טוריסטען אין שטאדט ווי אזוי דאס לאנד האט זיך לעצטענס אנטוויקעלט.

אין דארף וואלאדזינער איז פארגעקומען א קריגערייי איבער דער וואסער־פראגע וואס האט געפיהרט צו א בלוטיגען קאמף און וועלכען איינער איז דערהרג'עט געווארען און אכט זענען פארוואונדעט געווארען.

פאסט־סטרייק אפגעלעגט, פארהאנדלונגען געהען אן

דער סטרייק פון די פאסט־ארבייטער, וועלכער איז געווען באשטימט אויף היינט נאכט, איז אפגעלעגט געווארען. די פיהרער פון דער פאסט־ארבייטער פעדעראציע האבען געלאזט וויסען אלע ארבייטער, אז דער סטרייק באפעהל בלייבט אין קראפט, אבער וועט איצט ניט דורכגעפיהרט ווערען ווייל די רעגירונג ווייזט ארויס א נייגונג צו דורכקומען מיט די ארבייטער.

די רעגירונג האט איצט פארגעשלאגען די ארבייטער א מינימום־לוין פון 1,080 דאלאר א יאהר און א מאקסימום לוין פון 1,800 דאלאר א יאהר. די ארבייטער פאדערען א מינימום פון 1,260 דאלאר און א מאקסימום פון 1980 דאלאר.

די סיוויל סערוויס קאמישאן האלט איצט אין פארהאנדלען די פראגע.

פופציג יעהריגע פרוי האט געלעבט מיט איין מאן בייטאג און מיט א צווייטען מאן ביינאכט

אין די פרוי איז א מוטער פון אכצעהן קינדער.

—):o:(—

פילאדעלפיע, אפריל, 13.

אין שטאדט רעדט מען איצט וועגען דער נייער, אומגעווענליכער, סענסאציע וואס עס האט ארויסגערופען דער ארעסט פון מרס. אננא בעסוויק, וועגען וועלכער עס צייגט זיך ארויס אז זי האט געלעבט גלייכצייטיג מיט צוויי מענער. מיט איין מאן, א כטאליאר האט זי געלעבט שוין פון לאנג און האט געהאט מיט איהם אכצעהן קינדער. מיט'ן צווייטען מאן, א געוויסער באנקיר וויליאם מארטין האט זי חתונה געהאט לעצטע פעברואר.

פון דעם סוד האבען זיך דערוואוסט דריי טעקסי דרייווערס וועלכע פלעגען אפט פיהרען דער פרוי פון איין מאן צום צווייטען און זיי האבען גענומען אויספרעסען געלט פון איהר. די פרוי זאגט, אז זי האט זיי געגעבען פופציג טויזענט דאלאר אז זיי זאלען שווייגען. דאס געלט האט זי נעקראגען פון איהר צווייטען רייכען מאן און א טייל געלט האט זי ארויסגעשווינדעלט. זי און די דריי טעקסי דרייווערס זענען איצט ארעסטירט.

טראצקי צוריק אין מאסקווע, זאגט אז סאוויעט וויל ניט מלחמה

רוסלאנד איז געגען א מלחמה איבער בעסאראביע, אבער איז ניט צופרידען מיט איצטיגער לאגע, ערקלעהרט טראצקי. — רומעניע וועט קעמפען צו האלטען בעסאראביע, זאגט רומענישער פרעמיער.

מאסקווע, אפריל, 13.

לעאן טראצקי, קריגס־קאמיסאר פון סאוויעט־רוסלאנד וועלכער איז א לענגערע צייט געווען אין קאווקאז צוליב זיין שוואכען געזונט, האט זיך צוריקגעקעהרט קיין מאסקווע.

אין אן אינטערוויו וועגען דער בעסאראבישער פראגע האט טראצקי ערקלעהרט, אז רוסלאנד זוכט מיט אלע מיטלען צו שליכטען דעם סכסוך אויף א פרידליכען אופן, אבער זי איז ניט מסכים אז די לאגע זאל בלייבען אזוי ווי זי איז איצט.

„מיר וועלען קיינמאל ניט צושטימען", האט טראצקי געזאגט, „אז די בעסאראבישע ארבייטער און פויערים זאלען בלייבען אונטער אייזערנעם קנאפעל פון די רומענישע פריציפ".

„מיר וועלען ניט ערקלעהרען קיין מלחמה", האט טראצקי פארגעזעצט, „און מיר וועלען זוכען מיט אלע מיטלען צו אוועקמיידען עס. דאס מיינט אבער ניט, אז מיר שטימען איין צו דער איצטיגער סיטואציע. די סאוויעט־רעגירונג וועט באנוצען איהר גאנצע מאכט צו ליקווידירען דעם קאנפליקט פרידליך. אויב אבער איהרע פארזוכען וועלען זיין אהן ערפאלג, וועט עס זיין צוליב דעם ווילען פון צווייטען צד צו פארערגערען די סיטואציע".

רומענישער פרעמיער סטראשעט רוסלאנד

קישינעוו, אפריל, 13, (איטא)

נעכטען איז דא נעפייערט געווארען די פאראייניגונג פון בעסאראביע מיט רומעניע, און אין דיזער פייערונג האט זיך אויך באטייליגט דער רבי צירעלסאן.

פרעמיער בראטיאנא האט געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האט ערקלעהרט, אז אויב רוסלאנד וועט באנוצען מאכט צו באקעמפען רומעניע'ס רעכט אויף בעסאראביע וועט רומעניע קעמפען דערפאר, אז איהרע רעכט זאלען רעספעקטירט ווערען.

פלעביסציט אין גריכענלאנד צוגונסטען א רעפובליק, רעגירונג ארעסטירט ראיאליסטישע פיהרער

אטען, אפריל, 13.

א גרויסע מאיאריטעט פון גריכישען פאלק האט זיך ארויסגעזאגט פאר א רעפובליקאנישע רעגירונגס־פארם. אזוי צייגט דער פלעביסציט וואס איז היינט דורכגעפיהרט געווארען.

גריכענלאנד איז פראקלאמירט געווארען אלס א רעפובליק מיט א קורצער צייט צוריק. דער איצטיגער פלעביסציט איז נאר געווען א פארמעלע פראצעדור.

נעכטען איז באוואוסט געווארען, אז די רעגירונג האט ענטדעקט א ראיאליסטישע פארשווערונג. אכצעהן אפיצערען פון ארמיי און פלאט זענען ארעסטירט געווארען. צווישען די ארעסטירטע זענען דא צוויי גענעראלען וואס האבען אנגעפיהרט מיט די לעצטע אויפשטאנדען.

די צייטונגען מעלדען, אז די רעגירונג וועט מאנטאג פראקלאמירען קריגס צושטאנד איבער'ן גאנצען לאנד.

לייבאר רעגירונג שפיאנירט קאמוניסטען?

—):o:(—

לאנדאן, אפריל, 13.

אויף א געשלאסענער זיצונג פון די לאנדאנער בראנטשעס פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וואס איז פארגעקומען היינט אין ריהוירסעל טעאטער, האט מען אויסגעפונען אז אונטער דער פלאטפארמע זענען געזעסען צוויי געהיים־אגענטען פון „סקאטלענד יארד".

עס איז ווארשיינליך, אז דער אינצידענט וועט דורכגעלופטערט ווערען אין פארלאמענט, ווייל עס איז געווען אלגעמיין אנגענומען, אז דער שפיאנאזש איז אפגעשאפט געווארען פון דער לייבאר רעגירונג.

פראנקרייך האלט ביי שליסען א טריטי מיט רומעניע

פאריז, אפריל, 13.

א טריטי צווישען פראנקרייך און רומעניע וועט די טעג געשלאסען ווערען, נאך אין דער צייט וואס דאס רומענישע קעניגליכע פארל אמוזירט זיך אין פאריז. צוזאמען מיט די רומענישע הערשער איז אויך געקומען קיין פאריז דער רומענישער אויסערן מיניסטער און ער האט געפיהרט מיט פואנקארע'ן פארהאנדלונגען וועגען א טריטי.

עס ווערט איצט קלאהר פארוואס פרעמיער מוסאליני פון איטאליע האט זיך אנטזאגט אויפצונעהמען די רומענישע הערשער. ער האט געוואוסט, אז זיי קומען קיין פאריז ניט סתם פארברענגען און ער איז געגען דעם נאהענטען בונד פון פראנקרייך מיט רומעניע.

קינד'ס געוויין ראטעוועט מוטער, פאטער פארגיפטעט

באסטאן, אפריל, 13.

מר. און מרס. אייבערעהעם בענרעטי האבען היינט, דורך א טעות, גענומען צו זייערע ליפען גלעזער מיט גיפט ווען פלוצלונג האט זייער אכט מאנאטיגע בייבי גענומען וויינען. די מוטער האט אוועקגעשטעלט די גלאז און גענומען באַרוהיגען דאס קינד. דער פאטער האט זיינס אויסגעטרונקען און איז געפאלען טויט.

פיטער סמיט וועט היינט אויסגעפרעגט ווערען

מען ערווארט, אז האנ. פיטער סמיט, דער געוועזענער פראווינציעל טרעזשורער וועט זיין די „פיטשער" ביי דער היינטיגער זיצונג פון דער פאבליק אקאונטס קאמיטע. סמיט האט נעקראגען א „סובפינא", אז ער זאל היינט קומען אלס עדות.

א צווייטער עדות וועט זיין מעקהעטי מענערדזשער פון א באנק אין סטראטפארד וואו סמיט האט געהאלטען זיין געלט.

לכבוד פסח

באצירט אייער טיש מיט וויליאם ראד־זשערס ענד סאן גאפלען, מעסערס, לע־פעל, א. ז. וו. דיזע גוטע קוואליטעט זילבערווארג איז באקאנט צו די אידישע פאמיליעס אלס די זילבערווארג וואס קאסט ווייניג און ניט א גאראנטי אויף צופרידענהייט אהן א באשטימטע צייט איהר וועט געוויס גלייכען די נייע מעי־פעיר און לא־פראנס פעטערנס ווייל זיי זענען וואונדערשעהן און זענען די בעס־טע פאר'ן פרייז.

6 טהעע־לעפעלאך — — — $1.75
6 גאפלען — — — — 3.50
6 מעסערס מיט א איבערגע־זילבערטען קלינגעל, סא־ליד הענטעל 14 דווט. — 4.95
6 מעסערס סאליד הענטעל, שטאהל קלינגעל, נעהמט ניט אן קיין דאסט — 9.60
6 טיש לעפעל — — — — 3.50

Wm·Rogers & Son
Silverplate



נעמאכט אין קאנאדע פון וויליאם ראדזשערס מאנופעקטשורינג קא. לימיטעד, נייאגארא פאלס, אנט.

INTERNATIONAL SILVER CO.

„ווילדע ליידענשאפט"

א ראמאן פון אידישען לעבען.

פון י.־ב״ם

(115־טע פארזעצונג)

דער גרויסער הונד האט באמערקט דעם פרעמדען און איז צו איהר געלאפען.

איך גלויב דאס א פרעמדער איז דא, האט פרענק געזאגט און איז געלאפען צום טויער. באלד איז ער געלאפען צוריק, ער האט איהר דערזעהן.

פרענק האט אנגעקוקט דאס מיידעל. וואס וויל זי דא?... איז זי געקומען אויף דאס ניי איהם צו פארראטען?

ער האט ניט געוואלט צוגעהן צו איהר. ער האט זיך באלד אומגעקעהרט און האט געזאגט איינינע ווערטער מאניען אין אויער.

מאניע האט זיך ערשראקען, אבער באלד האט זי זיך געפאסט.

— פעדארא האט זי געזאגט, די לעקציע היינט איז צו ענדע, געה אין צימער, ווען איך וועל דיך דארפען וועל איך דיך רופען.

פעדארא איז איבערראשט געווארען פון דעם באפעהל, אבער זי האט געפאלגט און איז אוועק אין איהר צימער. זי האט פארשטאנען אז עטוואס איז דא פארגעקומען און דאס עס האט עטוואס א צוזאמענהאנג מיט דעם שטאלמייסטער. פעדארא האט באמערקט דאס דער שטאלמייסטער איז ניט קיין געוועהנליכער דינער, אבער זי האט ניט געוואוסט ווער ער קען זיין.

יעצט האט זי ווידער גענומען טראכטען וועגען איהם. זי האט אנגעצונדען א לאמפ און האט גענומען א בוך צום לעזען. א לאנגע צייט האט זי געלעזען. זי האט אפט געקוקט צום טיהר. וואו קען עס מאניע זיין אזוי שפעט? פעדארא האט ניט געקענט רעדען צו געהן שלאפען איידער זי האט מאניען געזעהען, אבער וואו זוימט זי זיך אזוי שפעט? פעדארא האט געווארט און געווארט, ענדליך איז איהר באפאלען דער שלאף און זי האט געשלאסען איהרע אויגען.

ערשט אויף מארגען פריה האט זיך געעפענט די טיהר און מאניע איז אריין אין צימער.

אין דעם מאמענט וואס פרענק האט מאניען געזאגט וועמען ער האט דא דערזעהען האט זי בעשלאסען וואס דא איז צו טהאן. גלייך ווי זי האט געשיקט פעדארא'ן אין איהר צימער, האט זי צוגערופען דעם דינער וואלטער און האט איהם געהייסען אריינפיהרען דעם פערד אין שטאל און אריינגעהמען פרענק'ן אין זיין צימער.

— דו ווייסט וואלטער וואס עס איז צו טון אין דער צייט פון א גרויסער געפאהר?

— יא.

— דיזע געפאהר שטעהט יעצט נאהענט. פארזארג זיך מיט אלעם וואס איז נויטיג.

דער אלטער האט גענייגט מיט'ן קאפ. אין איין אויגענבליק איז דער פערד געווען אין שטאל און ער איז מיט פרענק'ן אוועק.

מאניע האט געווארט איינינע מינוטען. אלס זי האט געגלויבט אז פרענק איז שוין זיכער איז זי אוועק צום טיה־ פון גארטען.

טילי איז דארט נאך געשטאנען. זי האט יעצט געזעהן דעם מאן וועלכען זי ליעבט, זי האט געזעהן ווי ער האט זיך פאר איהר ערשראקען און איז אנטלאפען צו מאניען. זי האט אויך געזעהן די האסטיגע באוועגונג אין דער געפאהר און זי האט באלד פארשטאנען אז מען רעכענט אז זי איז געקומען מיט א שלעכטער אבזיכט.

טראץ די אויפרעגונג וואס טילי האט געהאט איז זי געוועזען ביי איהרע געדאנקען זי זאל זיך אויף דעם ניט וואונדערן, זי האט קיין אנדערע אויפנאהמע ניט בעדארפט ערווארטען. יעצט האט זי געזעהן ווי מאניע קומט צו איהר.

מאניע איז גאנץ רוהיג צוגעגאנגען צום טיהר און האט געפרעגט:

— ווער איז דארט?

טילי האט געענטפערט:

— איך בין א מיידעל וואס וויל ווארנען א מענשען פון א געפאהר.

מאניע האט אויף איהר געווארפען א דורכדרינגענדען בליק. זי האט טילין געזעהן אין געריכט. שוין דאמאלט איז איהר אויפפיהרונג געווען פארדעכטיג. זי האט שוין דאמאלט געגלויבט אז זי שווערט פאלש און וואס פרענק האט איהר נאכדעם ערקלעהרט האט עס איהר באשטעטיגט. קען זי דען גלויבען, דאס דיעזע מיידעל איז יעצט געקומען ווארנען דעם מאן וועלכען זי האט פאראונגליקט מיט איהר פאלשער שבועה?

— ווי הייסט איהר? האט מאניע געפרעגט.

טילי.

— ריכטיג, איך ערינער מיך דאס איך האב אייך אמאל געזעהן. זייט איהר דא אליין?

— יא.

— האט איהר פיליכט קאמעראדען. איהר דארפט זיך ניט וואונדערן ווע־ איך קען אייך ניט געטרויען.

טילי האט אראפגעלאזען איהרע אויגען, מיט א שטילען טאן האט זי געענטפערט:

— איך בין געקומען גאנץ אליין און מיין איינציגער אבזיכט איז פרענק'ן צו ווארנען.

— קומט אריין.

טילי האט אנגענומען די איינלאדונג וועלכע איז געווען ניט אין א זעהר פריינדליכען טאן. יעצט זאל זי אריינגעהן אין דאס הויז וואו פרענק געפינט זיך. וועט זי איהם קענען זעהן?

אלס ביידע האבען זיך געפונען אין צימער האט מאניע אנגעוויזען א שטוהל אויף וועלכען טילי האט זיך געזעצט.

— זאגט מיר צוערשט ווער האט אייך אהער געבראכט! האט מאניע אנגעפאנגען מיט א שטאלצען טאן.

— איך האב אייך שוין געזאגט, אז פרענק'ס שרעק.

— ער איז דאך אנטלאפען, און ווען איהר ווילט איהם ווארנען דארפט איהר דאך וויסען וואו ער איז?

— ער איז דא ביי אייך!

— ווי קומט איהר צו דיזער נארישער מיינונג?

— עס איז קיין מיינונג, עס איז געוויס, איך אליין האב איהם ערשט געזעהן.

— וואו?

— אין אייער גארטען.

— פון וואנען האט איהר עס געוואוסט?

— איך האב עס אימער געדענקט, אבער ניט לאנג צוריק איז עס מיר בעשטעטיגט געווארען, האט טילי געענטפערט און האט ערצעהלט ווי זי האט זיך באגעגענט מיט הער סיימאן וועלכער האט איהר אלעס געזאגט. מאניע האט אלעס אויסגעהערט, זי האט איינגעזעהן דאס עס נוצט ניט צו לייקענען, דאך האט זי באשלאסען דאס עס לוינט ניט זי זאל עס צוגעבען.

— וואס איהר זאגט דא קלינגט ניט מעהר ווי ראמאנטיש, — האט מאניע געזאגט, איך ערינער מיך די ראליע, וואס איהר האט געשפילט אין געריכט. אה, איהר ווערט בלייך, דאס באווייזט אז איהר פיהלט אייער שולד, נו ווען איך רעדט דעריבער זא גלויב איך, אז מען קען אייך ניט גלויבען!

— אה, פריילין!

— דאך וועל איך אייך דיעזען מאל גלויבען און ווען איך וועל האבען די געלעגענהייט וועט פרענק ערפאהרען, וואס פאר אן אינטערעס איהר נעהמט אין זיין לאגע, אויב ער וועט אייך דאנקען ווייס איך ניט. איהר זייט נאך יונג און איהר האט נאך א געוויסען. ווי וואלט עס געווען ווען איהר זאלט זיך שטעלען צום פראקוראר?

— צום פראקוראר? האט טילי געפרעגט.

— יא, האט מאניע איהר געענטפערט און האט דאס מיידעל אנגעקוקט. — צו איהם דארפט איהר געהן און איהם דארפט איהר זאגען, דאס פרענק איז דער קרבן פון א פאלשע שבועה וועלכע איהר האט אפגעגעבען.

— פריילין! וואס רעדט איהר?

מאניע האט זי גאנץ רוהיג אנגעקוקט.

(ווערט פארגעזעצט)



דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה, זיי העלפען רומאטיזם, לאמביינגא, ברייט'ס קראנקהייט, דייעבעטיס, רוקען שמערצען, האריג־שמערצען און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען. און דאדורך קענען זיי ניט טאן זייער ארבייט.

Cunard Line **פריפייד ביזנעס** **Anchor-Donaldson Line**

קויפענדיג אייערע טיקעטס אריבערצוברענגען אהער פריינט אדער קרובים, זעהט אז זיי זאלען פאהרען אויף איינער פון דיעזע ליינס.

די קאמפאניע האט אפיסעס אין אלע אייראפייאישע צענטרען. אריינרעכענענדיג רוסלאנד און אוקראינע. נייע גרויסע סטימערס — גוטע שפייז, אויסגעצייכנעטע באקוועמליכקייט. געלט קיין רוסלאנד קען יעצט אויסגעצאהלט ווערען אין דאלארס — דאס איז דער בעסטער וועג צו שיקען געלט צו אייערע קרובים. פאר אינפארמאציעס פרעגט ביי אינזערע לאקאלע אגענטען אדער ביי

The ROBERT REFORD CO., Limited
217 Bay St. Toronto

מיידלאך און ווייבלאך

ארדערט אייערע דרעסעס ביי
מרס. גלאסמאן

מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערן די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער ווארע, גוט און ביליג.

16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0538
4515-4-15)

גראמאפאן

צו פארקויפען, א גרויסער קאבינעט, דאבעל ספרינג מאטאר מיט 24 רעקארדס. 75 דאלאר. פרעגען
250 קווין וועסט

געלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך
מ. קאפלענס
212 מארקהאם סטריט.
טריניטי J 3669

ביזנעס שאנסעס
Business Chances

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.
363-4-25)

פייפער הענגינג און פיינטינג

די אסינגטאנער פיינטינג און וואל־פייפער סטאר לאזט וויסען זייערע קאסטימער אז מיר פיינטען און דעקארירען אייערע הייזער צו די ביליגסטע פרייזען. אויך פארקויפען מיר פייפער צו די ביליגסטע פרייזען. גרויסער בארגיין אויף פיינט און וואל־פייפער. גיט אונז א טריייעל. טעלעפאנירט לייקסייד 0947 אדער לייקסייד 7581 — 166 אסינגטאן עוועניו. אייגענטימער **סעם קאטץ.**
4208-4-18)

טשעסטערפיעלדס

טשעסטערפיעלד סעטס געמאכט צו־ארדער. די בעסטע מאטעריאל און ארבייט גאראנטירט. סייפט דעם ריטיילערס פראפיט. מיר מאכען אויך ריפיירס.
ניו־יארק טשעסטערפיעלד קא. 398 קאלעדזש סט. טעל. טריניטי J 5839
617-5-6)

פוירניטשור

געפיקסט, געפאלישט און געמאכט ווי ניי. אלעס ווערט געמאכט ביליג און גוט. טעלעפאנירט טריניטי 6436, און מיר קומען גלייך צו אייך. 295 קאלעדזש סט.
533-4-16)

א. נוסבוים

הערט זיך איין!

אלע סארטען פון נייע און געניצטע פארד קארס און טראקס אויף לייכטע אויסצאהלונגען. אייער געיוזטע קאר ווערט גענומען אין עקסטשענדזש פרייער „אריינשלעפען" פון יעדער־שטאדט־טייל. אונזער ערפאלג איז צוליעב אונזער סורוויס. זעהט מיר צוערשט.

ALF. NUSBAUM
רעזידענס פאן—טריניטי W 3764
W. C. WARBURTON & CO. LIMITED
670 BLOOR ST. W.
טעלעפאן טריניטי 0416

פארלאנגט
Want Ads.

ביילי פס

און אקשענירס

רענט קאלעקטארס, טשארטעל מארטגיידזשעס, ליענס און ווארענטס אטענדעט.

ל. דייווידסאן און קאם.
331 בעי סטריט, רום 218
טעלעפאן מיין 1037

א שו״ב, א גוטער לעהרער און א גוטער בעל תפלה פארלאנגט א ריכטיגע שטעלע. צופרידענהייט גאראנטירט. שרייבט צו "זשורנאל" באקס 651
4486-4-21)

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס. פרעגען לאיער פייפערניק, 514 דאנדעס סט. וועסט.
276-4-20)

מענער פרעסער ווילינ צו געהן ארבייטען קאסטאם אדער שאפ ארבייט. פרעגען טעלעפאן טריניטי W 5815
4742-4-16)

אן עקספיריענסד קאטער און טרעוולער צו ליידים און טשילדרענס דרעסעס פארלאנגט א קאטינג און טרעוולינג פאזישאן מיט א דרעס הויז גוטע קאנעקשאנס אין סיטי שרייבט זשורנאל באקס 660.
4764-4-14)

פארלאנגט עקספיריענסד אפרייטערס צו ליידים קאוטס און סוטס פרעגען דזשאסטרייט גארמענט 221 ריטשמאנד וועסט.
701-4-14)

אינקאם טעקס־פארמס מוזען אויסגעפילט ווערען ריכטיג, רינגט אב י. ראזען אקאונטענט, טריניטי 6672 דזשיי. 70 בעלוויו עוועניו, אדיט, פיהרט ביכער און דאקומענטען בכלל.
14673-3)

פארלאנגט א פינישערין צו סקורטס מוז זיין עקספיריענסד. פרעגען 326 ספעדיינע עוו. מר. פישער.
704-4-15)

פארלאנגט א שניידער צו מענער קאסטימער ארבייט. פרעגען 201 באטהורסט סטריט.
4767)

ביילי פס
ספיין און קאמפ.
201 מענינג טשעמבערס, 72 קווין סטריט וועסט
לענדלארדס ווארענטס, טשארטעל מארטגיידזשעס עקזעקוטעט

גראמאפאן האספיטאל

מיר פיקסען אלע סארטען גראמאפאנס מיר גאראנטירען צופרידענהייט. פרייזען ביליג. מיר קומען נאך דעם גראמאפאן אין אלע טיילען פון דער שטאדט. אונזער אדרעס איז: 250 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן מיין 0493.

עסיג כשר לפסח

מיר אפעלירען צום פובליקום און צו די גראסערים אז זיי זאלען יוזען קעניגס כשר'ן און געליטערטען רייגעם עסיג אויף פסח, ווייל מיין עסיג איז אונטער דער השגחה פון הרב גארדאן. היינטיגעס יאהר איז פאראן נאכגעמאכטער עסיג, קאליטער מיט פיינט, און איז חמצ'דיג. לעזט רב גארדאנ'ס הכשר:

חומץ של מר קעניג. נעשה תחת השגחה בדין. מותר גם למהדרין להנות מטובו בפסח.
4704-4-17)

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
198A קווין סט. וועסט
טעלעפאן עדלייד 7279
הויז טעל. הילקרעסט W 6373
אפען אווענטען.

רעוו. שואל זאב גרינגארטען

26 סיסיל סטריט
איז דער באוואוסטער ערפאהרענער
מוהל ומסדר קדושין
טעלעפאן טריניטי W 7412
מיין פערזענליכען בעסטען אטענשאן גיב איך סיי אין האספיטאל ווי אויך פריוואט

צו פארענטען
To Let

צו פארענטען א סטאר מיט דאבעל ווינדאוס און גוטע וואוינונג אין בעסטען ביזנעס בלאק אין איסט ענד קווין סטריט לעבען בראדוויו, פאסיג פאר יעדע ביזנעס. פרעגען 750 קווין איסט. ביליג רענט.

צו פארענטען א פלעט פון 2 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקסטשורס, סעפערעט געז, קאפבארדס אין יעדער רום, מעסיגע רענט, סינק אין קיטשען פרעגען 16 לענארד עוועניו טעלעפאן טריניטי J 5395

צו פארענטען א גרויסע סטאר מיט רומס, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 326 דאנדעס וועסט
4617-4-16)

א 5 אדער 6 רומיגען אפארטמענט מיט אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, הייסע וואסער און א ביוטי פול אפארטמענט הויז. פרעגען קלינג ברידע־ 241 קווין וועסט.
4722-4-51)

צו פארענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען, טעלעפאן, ביליג רענט. פרעגען 29 מאנטראוז עוועניו.
4737-4-14)

צו פארענטען א הויז פון 6 רומס מעסיגע רענט פרעגען 61 קעמערען סטריט
4762-4-15)

צו פארענטען א 6 ר. מיגע נייע דעקארייטעט הויז מעסיגע רענט פרעגען 10 קענזינגטאן פלייס.
702-4-14

$40 א מאנאט, 58 סענט פעטריק סטריט, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, עטליכע רומערס ווילען בלייבען. פרעגען טעלעפאן קענוואוד 8385
660-4-14)

סטאר מיט רומס צו פארענטען 821 דאנדעס נעבען פאלמערסטאן פרעגען 838 דאנדעס וועסט.
3758-4-18)

צו פארענטען שעהנע פארנישט רום מיט אלע קאנוויניענס אין 88 בראנזוויק עוועניו טעל. טריניטי F 5240
4761-4-14)

צו פארענטען א הויז אין 104 נעסא סטריט 7 רומס אלע קאנוויניענס דעקארייטעט איבעראל.
58 לענארד עוועניו הארדוואוד פלארס סאליד בריק 8 רומס אלע קאנוויניענס דעקארירט איבעראל.
פרעגען טריניטי W 7941.
703-4-14)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 124 בראנסוויק עוועניו טעלעפאן טריניטי J 8938.
4751-4-15

פארלאנגט פון ערשטען מאי א רום מיט בארד פאר א יונגען מאן מוז זיין סטריקטלי כשר. שרייבט זשורנאל באקס 658.
4747-4-15)

צו פארענטען א 4 אדער 5 רומיגען פלעט, אלע קאנוויניענס, סטים היט סיטינג רום, טעלעפאן. — פרעגען 76 גרענדזש עוו.
4766-4-21)

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
— און אפטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט
דר. הענרי הערריס
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
DR. HENRY KARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

נייעס

מר. פעלדמאן פון די באיעס קלאדינג, לאזט וויסען אז יעדער איינער קאן קויפען ביי איהם די שעהנסטע באיעס סוטס, אווערקאוטס און פענטס. בלויז מיט א קליינער איינצאהלונג און מיט 1 דאלאר א וואך אויסצוצאהלען. עס וועט אייך אזוי ארום אנקומען גרינג און אייערע קינדער וועלען זיין באקליידט. איהר קענט אויך ארדערן אלעס אויף אויסצוצאהלען מיט בלויז 1 דאלאר א וואך.

ביי אונז קריגט איהר צו קויפען גוטע מענער סוטלענקס און פענטס לענקס ביליג.

ב. פעלדמאן, 545 קווין סט וועסט טעלעפאן עדלייד 4792.
4184-4-29)

קויפען און פערקויפען
Bought and Sold

סעמי דיטעטשט הויז, סאליד בריק, 8 גרויסע רומס און באט, שטיין פאונדיישאן, סלייט־רוף, הארדוואוד פלארס, פוירנייס, געז און עלעקטריק, סייד ענטרענס צום גאראדזש, קאנוויניענס צו דאונטאון געהאלטען צו $6500, אבער מוז פארקויפט ווערען פאר א בארגיין פרייז פאר קעש.
נאכפרעגען ביים אייגענטימער לייקסייד 3584.
47444-14)

צו פארקויפען א וואלנאט דיינינג רום סעט 9 פיסעס גוט ווי ניי געניצט 6 מאנאטען. אויך אן אייז באקס. א העפיטאט סטאוו א לייבררעי סעט, א וואלטאן קארפעט און אנדערע ארטיקלען. אורזאכע פארלאזט טאראנטא, פרעגען 194 קראפארד סטריט.
4743-4-14)

צו פארקויפען א קליינעם סטאק דריי גודס 35½ אקספארד סטריט.
4745-4-14)

ראש ריעלטי לימיטעד

צום טאראנטאר פובליקום!

אויב איהר ווילט קויפען,
אדער פארקויפען,
הייזער אדער ביזנעס,
קליינע אדער גרויסע,
ביליגע, אדער טייערע,
נאהענט אדער ווייט,
עס מאכט ניט אוים וואו עס איז קומט צו:

מר. ראש
287 ספעדיינע עוו.
וואו איהר קריגט דעם בעסטען צופרידענשטעלענדען דיל.
טעלעפאן טריניטי 2440.
415-4-27)

טעלעפאן עדלייד 5615
דר. ט. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

חזן קאפלאנ'ס
נייער אדרעס איז
484 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן הילקרעסט W 5171
אפיס 11 קאלבארין סט.
טעלעפאן מיין 2907.

נייעס!

דער איינציגער אידישער ארטיסט, וועלכער האט געטאן די קונסט דעקארייטינג אין דער לאנדענער, גאליציאנער, און די רוסישע שולען, ארבייט יעצט פאר זיך.

מיר ארבייטען צוזאמען מיט נאך עטליכע גוטע בעלי מלאכות. מיר מאכען קאנטראקטס אויף פעני ארטיסט דעקארייטינג און דזשענעראל הויז פיינטינג פייפערהענגינג, גריינינג און פלאסטערינג. אלעס ווערט געטאן ערשט - קלאסישע ארבייט און צו מעסיגע פרייזען.

אונזער נאמען איז:
The UNITED ART DECORATORS
טעלעפאן לייקסייד W 5379
אדער טריניטי F 3894
4415-4-18)

בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
און מסדר קידושין.

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
פאר. ארימע אומזיסט.

דער אידישער פראפעסאר

א היסטארישער ראמאן.
פריי בעארבייט ספעציעל
פאר'ן „אידישען זשורנאל״

פון מ. ר.

היינטיגע פארזעצונג

איז ער ניט ענני דער איסי? וואו ווען האט ער איהם געזעהן? איהם האט זיך געוואלט פון איהם עס צו דערוויסען, ער האט אבער ניט געוואלט באלעסטיגען איהם מיט פיעלע פראגעס, וויסענדיג, דאס ער איז נאך שוואך און עס קען איהם צו זיין געזונד שאדען. און דאריבער האט ער איהם אין א רוהיג געמיטליכען טאן געענטפערט:

— יא, איך קען א מאן מיט דעם נאמען ענני, ער איז איינער פון מיינע בעסטע פריינד.

אבער ווער איז דער, פון וועלכען דו רעדסט? ווען האסטו איהם געזעהן?

— ווען איך האב איהם געזעהן? מיר שיינט, אז ערשט ניט לאנג. איך געדענק גוט. אבער... וועה איז מיר! מאליך האט דאך איהם פארברענט.

די ווערטער, וועלכע זענען פון קאראבאס'ן אזוי וועהטאגליך ארויסגעשפראכען געווארען, האבען דעם גרייז אניאס ביז גאר צוטומעלט: ענני רופט ער איהם, א ווייס געקליידעטער, און מאליך האט איהם פארברענט.... וואס קען דאס אלעס באדייטען?

— אבער ליעבער קאראבאס, געדענקסטו אפשר דעם ארט, וואו דו האסט איהם געזעהן?

קאראבאס האט זיך די גרעסטע מיה געגעבען צו דערמאהנען, ער האט אנגעהויבען צו קראצען דעם שטערען, וועלכער איז אין קנייטשען געווארען, פון דארט ארויסצונעהמען דעם נאמען פון דעם ארט, וואו ער האט איהם געזעהן, און ער האט זיך דערמאהנט...

— אין לאטאפאלים, האב איך איהם געזעהן.

— אין לאטאפאלים זאגסטו? — יא דאס האט אניאס אויסגעשריגען — איז ער, ענני מיין פריינד איז אויך פון לאטאפאלים. א טרויעריגע שטילקייט האט אנגעהאלטען. קאראבאס האט מעהר קיין כח ניט געהאט צו רעדען און אניאס איז אין טרויעריגע געדאנקען פארזונקען געווארען. געוואוסט האט ער, אז קאראבאס רעדט אצינד מיט א פאלקאמענעם קלאהרען פארשטאנד. דאס איז ענני דער איסי, אין דעם איז ניטא וואס צו צווייפלען, און דורך איהם קען איך פון אלעם זיך דערוויסען. אבער וואו איז ענני? ער איז דאך פלוצים פארשוואונדען געווארען. גאט וועט אבער העלפען... איך האב ניט דאס רעכט דעם בטחון פארלירען. ענני וועט קומען, און איך וועל אלעס פון איהם זיך דערוויסען...

נאך אכט טאג איז קאראבאס אראפ פון בעט, ניט דער וואס ער איז צופאר געווען. דאס שטאמלען האט אויפגעהערט, די געדאנקען בינדיגע, די שפראך א פארשטענדליכע. נאך איין פעהלער איז איהם נאך פארבליבען, די שוואכקייט פון זכרון. אזוי ווי פריהער אזוי אויך איצט, האט ער ניט געדענקט דאס וואס עס איז ערשט נעכטען געשעהן. די גאנצע מיה פון אניאס'ן צו דערוועקען אין איהם א זכרון איז אומזיסט געווען.

די צופיעל אנשטרענגונג פון אניאס ביי דער פלעגע פון קאראבאס'ן, און דער טיעפער עלטער זיינער, האט זיין ארגאניזם רואינירט, און איהם אין א שווערע קראנקהייט געווארפען. קאראבאס, וועלכער איז נאך שוואך געווען, האט דאך פון זיין בעט ניט אפגעטרעטען. מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט און זארגפעליגקייט, פלעגט ער די פלעגע אנהאלטען.

אויך דאריס איז אן אנגעוועהטאגטע נעבען איהם געזעסען, און ניט אפגעטרעטען. זי האט אבער איהרע אינערליכע שמערצען ניט געלאזט מערקען דעם קראנקען, כדי ניט צו פארשאפען איהם קיין „צער״. צוזאמען מיט קאראבאס'ן האט זי גאט געבעטען פאר זיין געזונד ווערען. זי האט גוט פארשטאנען וואס אומגליקליך זי וועט זיין, ווען אניאס וועט שטארבען. זי האט אין דער שטיל, ווען אניאס האט ניט באמערקט; אין טרעהרען זיך באוואשען. ליבטער אויפ'ן הארצען איז איהר נאר געווארען, ווען אפעלים פלעגט קומען. ער, מיט זיין הייסער ריינער ליעבע, און מיט זייגע זיסע טרייסט ווערטער, האט איהרע טיפע שמערצען געלינדערט, צו איהר צעבראכען הארץ א היילונג געבראכט, און איהר געגעבען די האפנונג, אז אניאס וועט געזונד ווערען. אניאס אליין, פלעגט אויך אויפלעבען ביי זיין קומען. א ליעבליכער שמייכעל האט זיך אויף זיין געזיכט געלאזט זעהן, און שוואך אויסגעשפראכען: איך וועל ניט שטארבען. עס איז אונמעגליך, איך זאל פון דער וועלט אוועקגעהן, בעפאר איך וועל זיך מיט ענני'ן זעהן, מיין הארץ זאגט מיר אז ער וועט קומען, און מיר אויפדעקען דאס געהיימניס, וועלכעס איך מוז דורכאויס וויסען.

און עס איז געווען א טאג, אין וועלכען דאריס האט ערווארטעט דאס קומען פון אפעלים'ן און ער איז ניט געקומען. דאריס האט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז ער איז מסתמא אין שטאדט אוועקגעגאנגען, און דארט צוליעב א פאלקס אינטערעס, דעם גאנצען טאג פארבראכט. ווען עס זענען אבער פאראיבער געגאנגען דער צווייטער, און אויך דער דריטער טאג און ער איז ניט געקומען, איז זי זעהר אונרוהיג געווארען. איהר שרעק איז אבער פארגרעסערט געווארען, ווען צו איהרע אויערען האבען דערגרייכט די קלאנגען פון א גרויזאמען אויפשטאנד־אויסברוך אין אלעקסאנדריע, און פון א געפאהר צו א איבערפאל, איבער דעם געגענד פון די איסיים. מען האט איהר אויך דערצעהלט, אז פיהלא'ס הויז איז באלאגערט פון א אויפגערייצטער מאסע. ניט איינמאל איז זי אויפגעשפרונגען זיך לאזען געהן אין הויז פון איהר געליעבטען, אבער א געהיימע קראפט האט זי צוגעשמידט צום בעט פון דעם, אויך ניט ווייניג געליעבטען און טייערען קראנקען אניאס. זי האט זיך ניט געקענט ערלויבען איהם איבערלאזען אין אזא געפעהרליכען צושטאנד. באהיטע גאט — האט זי זיך געטראכט — וואס עס קאן פארקומען אין איהר אפוועזענהייט... אופ'ן פיערטען טאג נאך מיטאג איז געקומען דער אלטער איסי הושע, מבקר חולה זיין דעם קראנקען. מיט א פרעהליכעס געזיכט און ברידערליכער ליעבע האט אניאס איהם די האנט אויסגעשטרעקט, וועלכע הושע האט זי צום הארצען צוגעדריקט און היים געקושט.

אניאס האט געגעבען א צייכען דאריס'ן, זי זאל איהם איצט איבערלאזען אליין מיט הושע'ן. אויספאלגענדיג זיין וואונש, און ארויסקומענדיג אין איהר צימער, איז זי אויף די קניען געפאלען אויסצוגיסען איהר פארביטערט הארץ פאר גאט. זי איז אבער אומשטאנד געווען איהר געבעט אפצוהאלטען. איהרע געדאנקען זענען ווי פארווירטע געווארען, איהרע געפיהלען ווי פאראליזירט. און זי איז א אונמעכטיגע אויפגעשטאנען, און אויפ'ן בעט זיך געווארפען. פלוצים האט זי דערהערט א קלאנג פון שליסלען, וועלכע זענען אונטער'ן קישען געלעגען. דאס זענען געווען די שליסלען וועלכע אפעלים האט איהר איבערגעגעבען, מיט זיי זיך צו באנוצען אין א צייט פון נויט.

פארגעסענדיג אין אלעם, האט זי זיי מיט פיבערישע הענט גענומען און זיך געלאזט לויפען גלייך צו פהילא'ס הויז.

אין דער זעלבער צייט, זענען הונדערטער אויסוואורפען, — וועלכע זענען פון אפיאנ'ען געבראכט געווארען — געשטאנען ארום פהילא'ס הויז, ארומגעלעגט עס מיט צוויגען, וואס זיי האבען פון דעם גארטען אויסגעהאקט און אונטערגעצונדען.

דאריס באמערקענדיג דאס פייער, איז ווי א וואהנזיניגע געלאפען צו דער הינטער טיר, שנעל זי אויפגעשלאסען, און מיט אן אויסגעשריי, איך מוז זיי רעטען אדער שטארבען מיט זיי צוזאמען, איז זי ארייגעלאפען. א פארצווייפלונגס געשריי האט זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען: — אפעלום! פהילא! איסמינא! רעטעט אייך... קיינער האט זיך אבער ניט אפגערופען. זי איז מיט גרויס אימפעט ארייגעלאפען אויפ'ן אויבערשטען שטאק און אויך דארט קיינעם ניט געפונען. דער רויך האט זי אנגעהויבען צו שטיקען, און זי איז א געחלש'טע אויפ'ן פלאר אנידערגעפאלען.

אפיאן, וועלכער איז אונטען געשטאנען, זיך צו זעטיגען מיט נקמה, ווען ער וועט מיט זיינע אויגען זעהן ווי פהילא מיט זיין פאמיליע, ווערען פארברענט, און אויך געהאפט, אז דאס פייער וועט אויך אניאס'עס הויז ארומנעהמען, און דעמאלט וועט ער ווי ווייט מעגליך זעהן דארים'ן צו רעטען און זי אוועקפיהרען, איז העכסט פארוואונדערט געווארען. וואס קיינער פונ'ם הויז האט זיך ניט געוויזען, צו בעטען רעטונג. וואו זענען זיי? האבען זיי צייט געהאט צו רעטען זיך?

דאס געשריי און דער טומעל פון די אונטערצינדער איז העכער און גרעסער געווארען, און דאס האט ערוואכט דאריס'ן פון איהר אהנמאכט. זי איז צו די פענסטער צוגעלאפען, זיי אויפגעריסען, און איהר קאפ ארויסגעשטעקט. ווי א לייכע איז איהר געזיכט געווען, איהר מויל קראמפהאפט פארקרומט, און מיט איהרע אויגען ווי א משוגע'נע אויף יעדען געקוקט.

(ווערט פארזעצט)

זאל דער פסח יום טוב זיין באצירט מיט קלינגס דזשועלערי אין אייער הויז

גרעסטער דזשועלערי און זילבערווארג סייל, ספעציעל פאר פסח, ביי דעם באוואוסטען דזשועלערי הענדלער, מיט דער גרעסטער רעפוטאציע אין שטאדט פאר יאהרען לאנג.

סאליד 14 קעראט גאלד גאראנטירט פאר 10 יאהר 29 דאלאר.

א גרויסער אויסוואהל פון לייכטער, פארשידענע סטיילס פון 5 דאלאר און העכער.

סאליד 14 קעראט גאלד ריסט וואטש $12.95



26 פיסעס ראדזשערס סילווער סעט $8.95

ריסט וואטש 18 קעראט גאלד מיט 4 דיימאנדס $39.00



א גרויסער אויסוואהל פון דיימאנד רינגען, רעגולאר 200 דאלאר צו $125

שעהנסטע סטיילס חתונה רינגלאך פון $4.95 און העכער

סאליד 14 קעראט מיט א ריכטיגען דיימאנד $4.95

מיר פיקסען אלערליי וואטשעס און דזשועלערי צו די ביליגסטע פרייזען.

אייער קרעדיט איז גוט ביי אונז.

מיר ארבייטען איבער אלע סארטען דזשועלערי לויט אייער געשמאק און צופרידענהייט. ווארט ניט ביז דער לעצטער מינוט נאר קומט גלייך. קויפט ביי אונז און האט א פרעהליכען פסח.

קלינג בראדערס, 241 קווין סטריט וועסט

CASH OR CREDIT

דיאמאנטען

קעש אדער קרעדיט
זייט זיכער אנצוקוקען אונזער גרויסען סטאק פון דיימאנדס. מיר גאראנטירען אייך צו שפארען געלט.

JACOBS BROS.

15 טאראנטא ארקייד.
גיט אכטונג אויפ'ן עלעקטרישען סיין.

בילדער פון היינטיגער ליטא

(פארזעצונג פון פיידוש 4.)

האנט ארבייט... עס איז ממש ניט צו באגרייפען, ווי אזוי זענען די דאזיגע הימלאזע גאסען קינדער, וואס אפט מאל וויסען זיי אפילו ניט ווער עס זענען זייערע עלטערען, פארוואנדעלט געווארען אין געהארכזאמע ליעבע ערצויגענע קינדער, וואס וועלען קומען אויף דער לעבענס ארענע מיט א געניגענדען פארצוג פון לעבענס ערפאהרונג און קענטנישען

דו וואנדערסט איבער דעם הויז און דו זעהסט די לעזע צימערען, די האנט ארבייט צימערען, עס צימער, קיך די מילך קיך, אלץ איז ציכטיג און זויבער.

ביז ניט לאנג האבען די קינדער געלערענט אין גאנץ פארשיעדענע שולען און פארשיעדענע ריכטונגען. איצט איז ביים קינדערהויז איינגעריכטעט געווארען אן איינהייטליכע שול אין אידיש. דער פרינציפ איז פון אן ארבייטער שול; יעדעס קינד באדינט זיך אליין. די קינדער לערנען זיך אוים ביסלעכווייז אלע מלאכות זיי געוואוינען זיך צו צו דער שטוביגער ארבייט און צו פיהרען א ווירטשאפט. זיי טוען אלץ און שעהמען זיך ניט פאר קיין ארבייט. עס הערשט דארט אן אטמאספערע פון פרייער ניט קיין געצוואונגענער ארבייט, ארבייט פון גוטען ווילען.

פאראן אויך קינדער מיט אומריינע קעפלאך אבער זיי ווערען ערצויגען אין א גאנץ באזונדערען אנשטאלט, וואו זיי ווערען געלערענט און געהיילט אין איין צייט.

אין דער סביבה פון פריינדשאפט ענדערען זיך די קינדער. דער פחד פארשווינדט פון זייערע אויגען. די באוועגונגען ווערען פרייער, און א נייער דור ווערט אויסגעהארעוועט צו א לעבען פון ארבייט.

צוויי דריי אנשטאלטען פון דעם מין דערווארעמען דאס הארץ פון אידישען אינסטרוקטאר, וואס וואנדערט אין שטארק פינסטערע נעכט איבער ליטא און באגעגענט נאך אומעטום סמנים פון אמאליגער פוליקייט און אפגעלאזענקייט.

„איטא).

אידישער ריעל עסטייטניק באגעהט זעלבסטמארד אין קליוולאנד

קליוולאנד, (איטא).

יוסף נאוואגראדער, א רייכער ריעל עסטייט מאן און באקאנטער לאקאלער כלל טוער, איז באגאנגען זעלבסטמארד אין א היגען האטעל.

נעבען זיין בעט האט מען געפונען א פלעשעלע מיט גיפט און א בריוועל געשריבען אין אידיש, אין וועלכען ער ערקלעהרט, אז ער איז אריינגעפאלען אין פארצווייפלונג צוליעב פינאנציעלע שוועריגקייטען.

נאוועגראדער לאזט איבער א פרוי מיט פיער טעכטער.

האט זיך איינגעהאנגען אויף א שוואכען שטריק

מייק קולאסקי פון 260 אגוסטא עוועניו, האט אויסגעקליבען א שוואכע שטריקעל אויף אויפצוהענגען זיך. דער רעזולטאט איז, אז ער איז צו גאסט ביי דער פאליציי אויף דער קלאגע פון ווע־לען באגעהן זעלבסטמארד.

תשובה כהלכה

יונגערמאן: — ביטע, זייט אזוי גוט און ערקלעהרט מיר, ווארום די האר אויף אייער קאפ זענען ווייס און אייער בארד איז נאך שווארץ?

אלטער מאן: — וואס פארשטעהט איהר דא ניט? מיין בארד איז דאך יינגער פון מיין קאפ מיט א יאהרצוואנציג...

די גאנצע פאמיליע נעהמט זיי איין

מרס. דזשיי. ליסטער לויבט דאד'ס קידני פילס.

און אנטעריא'ר פרוי איז ענטוזיאסטיש און גיט איהר מיינונג וועגען דאד'ס קידני פילס און דאד'ס דיספעפסיע טעבלעטס.

רעיווענסווארטה, אנט., (ספעשעל).

„איך רעקאמענדיר שטארק דאד'ס קידני פילען און איך קאן ניט אויסקומען אהן זיי אין הויז אום יעדען פרייז. איך און מיין מאן און די קינדער נעהמען זיי איין.

איך האב אויך איינגענומען אייערע דיספעפסיע טעבלעטס מיט גרויס ערפאלג. איך האב ניט געקאנט טאן מיין ארבייט אדער עסען. אויסנעמענדיג צוויי באקסעס פיהל איך מיך ווי א מענש און בין שוין מעהר ניט געבאדערט געווארען.״ דיזער סטייטמענט קומט פון מרס. דזשיי. ליסטער, א גוט־באקאנטע און היגע־רעספעקטירטע היגע איינוואוינערין.

דאד'ס קידני פילען ווירקען דירעקט אויף די נירען, שטעלענדיג זיי אין א צושטאנד צו ארויסטרייבען די אומריינקייט פונ'ם בלוט ארויס. דאד'ס דיספעפסיע טעבלעטס ווירקען אויפ'ן מאגען, געבענדיג איהם קראפט צו פארדייהען פולקאם די שפייז.

מיט גוטער פארדייהונג און ריינע בלוט איז דער קערפער אימשטאנד צו באקעמפען קראנקהייטען וואס אטאקירען דעם מיטען געזונט.

דאד'ס קידני פילען און דאד'ס טעבלעטס קאן מען באקומען ביי אלע דראגגיסטען.

טאראנטא אידען!

די גרעסטע צאהל אידען אין דיעזער שטאדט געברויכען נאר מאנישעוויטץ מצה, ווייל זיי וויסען, אז דער פעסט־פארזיגעלטער מאנישעוויטץ פעקעדזש ברייננט די מצה אין זייער היים פונקט אזוי פריש, גאנץ און קרוכלע ווי נאר וואס פון אויווען ארוים. זיי וויסען אויך, אז די מאנישעוויטץ מצה איז די כשרסטע, בעסטע און געשמאקסטע — א כבוד און א פארגעניגען פאר דעם סדר־טיש.

ערפאהרענע באלעבאסטעס קויפען צוזאמען מיט מאנישעוויטץ מצה אויך מאנישעוויטץ מצה־מעהל, מצה־פארפל, קעיק־מעהל און אייער מצות. פאר טוזענדער באלעבאסטעס זיינען די מאנישעוויטץ־מצה און מצה־פראדוקטען א גאראנטי, דאס זיי וועלען קענען צוגרייטען די געשמאקסטע מאכלים און געזונדסטע פאטראוועס און פארזיכערען זייער הויז־געזינד מיט אן אמת'ען עונג יום טוב.

אונזער דעליווערי איז אזוי פאלקאם איינגעארדענט, אז ארדערס פון מצה־דילערס און גראסערי־לייט ווערען אויסגעפילט מיט דער גרעסטער שנעלקייט און פינקטליכקייט צו דער פולער צופרידענהייט פון יעדען קאסטימער.

די ב. מאנישעוויטץ קא.
סינסינעטי, אהייא.

מאנישעוויטץ מצות
יפה ומהודרת

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות״

אלע דיעלער און גראסערים אין טאראנטא
פארקויפען מאנישעוויטץ מצה

א גרויסע שמחה פאר טאראנטאר אידען

מען לעגט דעם קארנער שטיין פון דער נייער תלמוד תורה אויף בראנזוויק עוועניו.

דער גרויסער יום טוב פסח וועט הייאהר זיין א דאפעלטער יום טוב פאר די אידען פון טאראנטא. די נייע תלמוד תורה און סאשיאל סענטער בילדינג וועלכע האט זיך געבויט דעם ווינטער איז יעצט שוין פארטיג מיט ווענט און דאך. דער פראכטפאלער בנין אויף בראנזוויק עוועניו שטעהט שוין אין דער פולער הויך און גרויס און מען קען זעהן אז דאס איז דער שטאלץ און פראכט פון טאראנטא ווייל ביז יעצט איז נאך ניט געבויט געווארען אזא שעהנער אנשטאלט פאר אידישע ערציהונג און פאר געוועהנליכע קהל'ס זאכען ווי מיטינגען אין גרויסע אודיטאריום, קלאב רומס און א ביבליאטעק א. ז. וו.

די בילדינג קאמיטע פיהלט, אז די אידען פון טאראנטא וועלען דיעזע נייעס לעזען מיט גרויס פארגעניגען און וועלען ווייטער אנטייל נעהמען אין דער ארבייט כדי מען זאל דעם בילדינג ענדיגען וואס שנעלער.

זונטאג, דעם 27־טען אפריל, אסרו חג, 3 א זייגער בייטאג, וועט שטאטפינדען די ערהאבענע צערעמאניע פון לייגען דעם קארנער שטיין פון בילדינג. דער פראגראם וועט זיין זעהר רייך און אינטערעסאנט ווי עס פאסט פאר אזא אנגעלעגענהייט. די רבנים פון שטאדט וועלען זיין אנוועזענד און אפשר אויך א גאסט פון ניו יארק צו אדרעסירען דעם עולם אויך וועלען געגעבען ווערען מוזיקאלישע נומערען פון חזנים און אנדערע טאלענטפולע און באגאבטע מוזיקאלישע קרעפטען. די קאמיטע וועלכע ארראנזשירט דעם פראגראם בעט אלע אידען אנטייל צו נעהמען אין דער שמחה און בעט אלע ארגאניזאציעס ניט צו רופען קיין מיטינגען פאר דיעזען טאג. אויך ווענדעט זיך די קאמיטע צו די פרעזידענטען פון שולען און ארגאניזאציעס אויסצורופען ביי יעדער געלעגענהייט וועגען דעם קארנערשטיין פון דער נייער ת״ת און בעטען די מעמבערס אנטייל צו נעהמען אין דער צערעמאניע. געדענקט דעם טאג — זונטאג, אפריל 27, 3 אזייגער.

גראף שפאצירט ארום א נאקעטער אין ווילנא און יאגט אן א שרעק אויף פרויען

מיר לעזען אין דער פריינד״ פון ווילנא:

אויף לוקישקעס האט די טעג פאסירט דער פאלגענדער פאקט, וועלכער האט אנגעווארפען א שרעק אויף אלע פארבייגעהענדיגע פרויען און יענעם געגענד.

א זייגער 10 ביינאכט, ווען די 17 יעהריגע פריילין ב. (יאסנע 8), איז געגאנגען פון שטאדט אהיים, האט זי, פארקעהרענדיג פון געארגיעווסקע אויף יאסנע, פלוצלונג באמערקט, ווי עס געהט איהר נאך עפעס אן עלעגאנט געקליידעטער הער אין לאקירענע שטיוועלאך מיט א הארטען הוט און א שווארצען מאנטעל. די פריילין, ניט חושד זייענדיג קיין זאך, איז רוהיג געגאנגען איהר וועג. ווען זי האט שוין אבער געהאלטען ביים ארייננגעהן אין טויער, איז דער עלעגאנטער הער פלוצלונג פארלאפען אפריהער דעם וועג, האט ברייט פונאנדערגעשפילעט דעם מאנטעל און זיך ראפטום אנטפלעקט אין... אדם הראשונ'ס קאסטיום, ד. ה. פשוט נאקעט... די מיידעל איז אויף טויט דערשראקען געווארען און איז מיט שרעקליכע קולות אריינגעלאפען צו זיך אין שטוב, וואו זי איז געפאלען אין חלשות. דאס נע'חלש'טע מיידעל האט מען קוים אפגעמינטערט. זי ליגט אבער שוין דעם דריטען טאג אין בעט, און קען צו זיך ניט קומען פון שרעק...

ווי מען האט זיך נאכגעפרעגט דערוואוסט, איז דער דאזיגער הער א גראפ'ס זוהן, וועלכער איז עטוואס געריהרט, און זיין שוואכקייט באשטעהט דעריז, וואס ער האט ליעב אויף דער נאכט איבערצושרעקען פרויען אויף אזא מאדנעם אופן. דער פאקט האט ארויסגערופען א מהומה צווישען אלע פרויען פון יענעם געגענד.

באראט זיך מיט אונז

אידער איהר מאכט אוים אייערע אינקאם טעקס ריטוירנס זעהט זיך מיט

Westbeare, King & Co.

אקאנטענטס, פינאנשעל אגענטען און טראסטים.
501 קענט בילדינג
טעלעפאן — מיין 1590

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און סעמעראן)
באריסטער, סאליסיטארס
נאטאריעס א. ז. וו.
2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 63

דזשועלערי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות, ווערען געמאכט צו ארדער, אדער געפיקסט, ביים באוואוסטען דזשועלער

מ. העלער

750 קווין סט. איסט

טעלעפאן דזשעראררד 7863

ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario,
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

„א לעבען פאר א לעבען"

בעת מען האט מיט צוויי טעג צוריק דורכגעוואָרפען אין אונזער פעדעראלען פארלאמענט דעם ביל צו אפשאפען טויט־שטראף פאר מערדער און פארביטען די שטראף אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניש, האט מען מיט גרויסער פרומקייט און אויגען־גלאנצעניש ערקלעהרט, אז וואס שייך מערדער וועט קאנאדע אויך אויף ווייטער פארדערען „א לעבען פאר א לעבען".

דער ביל צו אפשאפען טויט־שטראף איז אריינגעבראכט געוואָרען אין פארלאמענט דורך דעם לייבאריט אירווין. און עס פארשטעהט זיך, אז ער האט ארויסגערופען א העפטיגע געגנערשאפט מצד די געשוואוירענע אנהענגער פון טויט־שטראף. בעת דער ביל איז, מיט צוויי טעג צוריק, דורכגעוואָרפען געוואָרען, האט מען פריהער דעבאטירט זיבען שטונדען כסדר, און ניט ווייניג „אמת'ן" זענען בשעת־מעשה ארויסגעזאגט געוואָרען. איינס האט זיך אבער אין אלע רעדעס אפגעשפיגעלט ווי קלאָהרע טראפענס וואסער, — און דאס איז, די עהנליכקייט פון די שטעלונגען, וואס זענען ביי יענער געלעגענהייט ארויסגעדריקט געוואָרען מצד די פארטרעטער פון די צוויי אלטע פארטייען. ביידע לאגערען גלויבען ניט א לעבענסלענגליכע געפענגעניש קאן אויסראטען פארברעכענס און באשיצען די לעבענס פון די קאנאדער בירגער; ביידע לאגערען קווינקלען זיך און קאָנען ביי זיך ניט פועל'ן צו אראפרייסען די שענדליכע לאטע, וואס מען האט מיט דורות צוריק אויפ'ן פלייצע פון דער קאנאדער בירגערשאפט אנגעהאנגען.

טויט־שטראף איז א „הייליגע" ירושה, און מען טאָר זיך דערמיט ניט שיידען. אזוי האט מען גע'פסק'ט אין אטאווא, און אזוי וועט עס מסתמא בלייבען. דער סוף פונ'ם ביל וועט געוויס ארויסקומען לויט'ן גוסט פון די צוויי אלטע פארטייען, און די פארטיידיגער פונ'ם ביל וועלען זיך באנוגענען מיט א גוטער כונה. עס וועט זיך אפשטעלען בלויז די דעמאנסטראטיווע זייט פון דער אנגעלעגענהייט, און א דעמאנסטראטיווע ווערדע האבען די דעבאטען סיי־ווי־סיי. עס וועט זיך סוף־כל־סוף עפעס צו אימיצען מוזען צוקלעפען, אויב ניט איצט — איז אין עטליכע יאהר ארום. דאס וואס עס ווערט פארזייעט, מוז ווען־ניט־איז טראגען פרוכט.

„א לעבען פאר א לעבען" — דאס איז די תורה פון די צוויי אלטע פארטייען. וואס האט אבער אט די תורה אויפגעטאן אין משך פון איהר עקזיסטענץ? דער וואס האט ווען אריינגעקוקט אין די בלעטער און האט זיך אמאל פארטראכט וועגען דער צאהל פון מאָרדען אין קאנאדע; דער וואס האט ווען־ניט־איז א טראכט געטאן וועגען דעם פראצעס פון „האלד־אפס", פון פארגוואלטיגונגען און אנדערע קרימינעלע פארברעכענס — פאר יענעם וועט קלאָהר ווערען, אז טויט־שטראף האט דעם געווינשטען צוועק ניט דערגרייכט. אין געוויסע פאלען איז טויט־שטראף ווי א סטימולירענדיגער מיטעל צו ווייטערדיגע קרימינעלע פארברעכענס. די מענשליכע טבע איז שוין אזוי איינגעאָרדענט, אז קרימינעלע פארברעכער זענען זיך נוקם פאר די לעבענס פון זייערע חברים. טויט־שטראף שלעפט הינטער זיך טויט־שטראף. דער חילוק איז בלויז, וואס אין איין פאל איז עס א מאָרד, און אין אנדערען פאל איז עס א שטראף פאר א מאָרד מיט'ן הסכם פון דער מאכט.

טויט־שטראף האט שוין לאנג באדארפט אפגעשאפט ווערען, ווייל טויט־שטראף איז אן איבערבלייבעניש פון די אלטע בארבארישע צייטען, ווען מענשען האבען געלעבט אונטער אנדערע אומשטענדען און אנדערע באדינגונגען. לעבענסלענגליכע געפענגעניש איז דאך א ו י ך א גענוגענדע שטראף, וואס קאן א מענשען טרייבען צו זעלבסטמאָרד. די היינטיגע געפענגענישען, מיט זייערע „מאָדערנע" איינריכטונגען, זענען דאך סוף־כל־סוף לעבעדיגע קברים, וואו מענשען ווערען באגראבען אויף זייער גאנצען לעבען, און טויט שטראף איז פאר זיי כלל ניט נייטיג.

דער אנטיסעמיטיזם אין לעטלאנד

אמאָהל איז געוועזען איין גרויסע רוסלאנד, איבער וועלכער עס האט געהערשט דער קנוט פונ'ם צאריזם, און אין יענער צארישער רוסלאנד האט מען פארפאלגט אידען. היינט איז רוסלאנד צוטיילט געוואָרען אין א רייהע מלוכות, און חוץ סאוויעט־רוסלאנד זענען אויך פארהאן א רייהע פון קלענערע מלוכות. די לעצטע האבען גע'ירשנט א סך זאכען פון רוסלאנד, און צווישען דער איבערגענומענער ירושה האבען זיי אויך איבערגענומען דעם ארטיקעל אנטיסעמיטיזם — די פארפאלגונגען אויף אידען. דער אנטיסעמיטיזם אין פוילען און אין ליטע איז גאנץ גוט באוואוסט, אבער עס שטעהען אויך ניט אָפּ די אנדערע טל ומטר מדינה'לאך, און אפילו אזא גרויסע מדינה ווי לעטלאנד (?) צייכענט זיך אויך אויס מיט איהר אידען־פיינדליכע פאליטיק.

פון צייט צו צייט ווערען אין די איראפייאיש־אידישע צייטונגען פארעפענטלכט אינטערעסאנטע מאטעריאלען וועגען דער אידען־פאליטיק פון די דאזיגע נייע מלוכות, און קיין פרעהליכע גרוסען זענען דאס ניט. אזוי ווערט דערצעהלט אין איינעם פון די לעצטע נומערן פונ'ם „דאנציגער וואכענבלאט" וועגען דעם אנטיסעמיטיזם אין לעטלאנד:

> דער אנטיסעמיטיזם פארנעהמט א גאנץ אנגעזעהען ארט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון לעטלאנד. פון דעם אמאָליגען אינדוסטריעלען לעטלאנד איז געבליבען מעהר נישט, ווי א זכר לחורבן, היינט איז לעטלאנד א ריין אגראר־לאנד. דער הערשענדער פויערים־בונד שטרענגט אָן אלע כחות אום נישט צו דערלאזען די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון לעטלאנד. א פאר פאבריקלאך אין ריגע און ליבוי, וועלכע לעבען איבער אלע מאנטאג און דאנערשטאג א קריזיס צוליב מאנגעל אין אפזאץ־מארק. די שטאָדטישע „אינדוסטריע" — אויף וויפיעל זי עקזיסטירט — איז מייסטענס אין לעטישע הענט, בשעת מלאכה און האנדעל געפינען זיך אויסשליסליך אין אידישע הענט. דא ליגט דער שורש פון דעם וויכטיגען, ריין עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם. די הויפט־אידעאלאגען פון דעם אנטיסעמיטיזם איז דער אזוי גערופענער דעמאקראטישער צענטער מיט זיינע צייטונגען, וועלכע כאפען אויף מיט גרויס התלהבות יעדען אויפרוף צום עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, צו פשוטע אידען־העצע.
>
> דאן קומט דער אנטיסעמיטיזם פון דעם פויערים־בונד. דער פויער האט איינענטליך גאר נישט קעגען דעם אידישען קרעמער אין שטאָדט, ביי וועלכען ער קויפט סחורה בילינגער ווי ביים לעט. ער ווערט אָבער גערעצט קעגען די שטאָדטישע און דארפישע קליינבירגערליכע שאָוויניסטען און קעמפט דערביי מיט דעם דארפישען איד, ווי עקאנאמיש אזוי אויך פאליטיש. אין דעם פאליטישען אנטיסעמיטיזם איז דער נאָהענסטער מיטקעמפער פונ'ם פויערים־בונד דער רעכט־ראדיקאלער פליגעל; די אזוי גערופענע בערגיסטען און קריסטליך־נאציאָנאלע. דאס זענען די אידעאלאגען פון שטאָדטישע הויז־באַזיצערס, פאבריקאנטען און האָלץ־הענדלער. פאר זיי איז דער אנטיסעמיטיזם אין דער ערשטער רייהע א מיטעל פון פאליטישער געשעפט־מאכעריי. אלע מאָל, ווען אויפ'ן פאליטישען האריזאנט מערקט זיך א וואָלקען, ווען ס'רייט זיך א סטרייק, רוקט מען ארויס דאס אלטע אויסגעפרואווטע מיטעל — אנטיסעמיטישע העצע.

אינ'ם זעלבען איבערבליק ווערען דא איבערגעגעבען א רייהע איינצעלהייטען, וואס ציינט אז דער אנטיסעמיטיזם הערשט אינ'ם גאנצען מלוכה־אפאראט פון לעטלאנד, און אז די רעגיערונג סימפאטיזירט אפען מיט די אנטיסעמיטישע העצעס, וועלכע ווערען ענערגיש אנגעפיהרט איבער'ן גאנצען לאנד.

עס איז ניט קיין פרעהליכער גרוס — און לעטלאנד איז דאך שוין אזוי צו זאָגען א דעמאקראטישע מלוכה.

דער דאקטאר איז הילפלאָז



דאקטאר רעמזי מעקדאנאלד'ס רפואה־מיטלען קענען גאר ניט טאן צו די צוויי פאציענטען — ארבייט און קאפיטאל — אז זיי זאלען זיך ניט ארומרייסען אזוי פיעל.

ניו יארקער בריעף

—(: :)—

ברוך הבא, די סוואסטיקא איז דא. — א פלאן פאר שלום. — אמעריקא באקומט א נייעם נאמען, יוסאניא אויפ'ן משקל פון גערמאניא. — אלע וועגען פיהרען קיין דעטראיט.

—):0:(—

פון וואָלף ז. שפיגעלמאן.

—):0:(—

ברוך הבא, די "סוואסטיקא" איז דא. זי איז אריבערגעשוואומען דעם אקעאן און איז דורכגעגאנגען עליס איילאנד בשלום. אין דער קוואטא, איבער דער קוואטא, אדער אפשר אייסער דער קוואטא? וואונדערט זיך ניט. זי איז אן אמת'ער "נארדיק" און האט זיך צוגעאיילט נאך איידער דער נאָרדישער 18'0 צענזוס איז אנגענומען געוואָרען. זי האט זיך שוין ערוואָרבען א גאנץ באדייטענדע "פובליסיטי" פאר זיך. א סברא גאר, אז זי וועט באקומען א פיינעם פרעזענט אלס קבלת פנים טאקע אין אט דעם צענזוס.

אין איראפא איז זי אן אלטע באַקאנטע. עס קאן אבער זיין, אז איהר ווייסט נאך ניט, ווער זי איז, איהר יחוס דאַרף דאריבער דערצעהלט ווערען.

* * *

וויסענשאפטליך צווייפלען, צו די באדייטונג פון דעם צלם אלס א רעליגיעזער סימבאל, האט זיך ווירקליך אנגעהויבען ערשט מיט'ן אנהויב פון דעם קריסטענטום. א טייל באהויפטעט, אז זיין אורשפרונג איז געווען אין פערזיען; אנדערע זאגען, אז אין אינדיען. אזוי אבער אנדערש, האט זיך אבער די אידישע געשיכטע, זינט די גריגאהנס, די קרייץ־ציגען ביז צו די היינטיגע־צייטיגע פארשיעדענע "קריסטליך־נאציאנאלע" צוגעוואוינט צו זעהן דעם קרייץ אלס דעם צייכען איבער די פארשיעדענע אנטיסמיטישע באוועגונגען און מעשים.

עס איז ווירקליך געווען דער טראַגיקאָמיזם פון דער אידישער, אזוי גוט ווי פון דער קריסטליכער געשיכטע, אז אלע אנטי־אידישע באוועגונגען זאלען אנגעפיהרט ווערען גראדע אונטער א צייכען, אויף וועלכען א איד זאל האבען געליטען און געשטארבען. אבער די בלאָנדע נאטור פון די נאָרדישע ראסען, וועלכע האבען דורות־לאנג געשמאכט אונטער'ן יאָך פון — אמת, טאקע געמילדערטע און צוגעפאסטע אבער דאך — אידישע מאָראל־לעהרען, האט זיך גענומען בונטעווען. א סטיכישע רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכען. ווען פראבעס ווערען געמאכט צו "ענטאידישען" דעם נייעם טעסטאמענט, ווען עס הערען זיך, זאגאר אין קירכען, געשרייען "נידער מיט דעם יעזוס דעם איד", האבען די דייטשע אנטיסעמיטען איינגעזעהן, אז די צייט איז רייף צו מאכען אן ענדערונג. פון דעם פארהיסטארישען ארכיוו, האבען זיי ארויסגענומען דעם אלטען, געצענדינערישען און אמת נאָרדישען צייכען פון דער "סוואסטיקא" ((צוויי הוקען וואס קרייצען זיך אין מיטען) און געמאכט איהם פאר'ן עמבלעם פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג.

די ערשטע צו באנוצען דעם דאָזיגען צייכען איז געווען די פאשיסטישע ארמיי פון היטלער און לודענדאָרף. דער צייכען האט געזאָלט דיענען אלס פאהן פאר די וועלכע האבען אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו ראטעווען דייטשלאנד פון דעם אידישען גייסט. די "סוואסטיקא" איז אזוי ארום געוואָרען אזוי פאפולער, אז זי איז אזש אריין אין דער מאָדע אלס א נייע מין צירונג. מאנארכיסטען, אריסטאקראטישע דאמען און אנטיסעמיטען פוצען זיך אויס מיט גאָלדענע, זילבערנע און מעשענע "סוואסטיקאס" צו באווייזען, אז זיי זענען אמת'ע "נאָרדיקס" און אבסאָלוט ריין פון אידישען גייסט. זי איז געוואָרען דאס שרעקענס־בילד פאר אידען און רעפובליקאנער. אויף אידישע און רעפובליקאנישע הייזער, אין צענטראל אייראפא, קאן מען זעהר אָפט זעהן אויסגעמאָלט — אנשטאט דעם אמאָליגען צלם — דעם דראָהונגס־צייכען פון דער "סוואטיקא".

* * *

מיט'ן צייכען פון דער "סוואטיקא" אויפ'ן שער־בלאט איז נאר וואס ערשיענען א צוואנציג־זייטיגע בראשורע, וואס ווערט פארשפרייט אין טויזענטער עקזעמפלארען.

דאס איז "א פלאן ווי אזוי צו ברענגען שאָדען אויף דער וועלט". דער אויטאר, ערנסט גערנער, וואהרשיינליך אן אמעריקאנער דייטש, האט אפילו דעם פלאן צוגעשטעלט צו דעם "באק פרייז קאמיטעט" און געוואלט פאר איהם באַקומען די באשטימטע הונדערט טויזענט דאלאר. האט אבער דער "באק קאמיטעט" ניט איינגעפונען אז דער פלאן איז דער בעסטער. גיסט ער אויס זיין גאנצען צאָרן אויף דעם קאמיטעט, וואס איז ניט מעהר ווי א אידיש שפיצעל צו געווינען אמעריקא פאר'ן פעלקער בונד, כדי צו דערהאלטען דעם "אידישען טראקטאט פון ווערסייל". אויב איהר מיינט, אז מיר האבען דא צו טאן מיט א קראנק, האט איהר א טעות. ער האט א גוט באַקאנטען פראגראם: דעם פראגראם פון דער "סוואסטיקא".

* * *

"די סבה פון דעם וועלט אומגליק איז געווען דער פאקט, וואס בשעת דער מלחמה זענען רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקא, געווען פארטראטען, ניט דורך אריער און "נאָרדיקס", נאר דורך — אידען. די צרה מיט'ן ווערסיילער שלום טראקטאט איז די זעלבע: די פעלקער און מלוכות זענען דארט ניט געווען רעפרעזענטירט נאר מיסרעפרעזענטירט דורך אידען; איבערהויפט איז אמעריקא געווען מיסרעפרעזענטירט דורך קאלאנעל האוז דער בייזער גייסט פון פרעזידענט ווילסאן, דער אלמעכטיגער איד אין ווערסייל. ער איז געווען דער פארשטעהער ניט פון די פאראייניגטע שטאאטען, נאר פון דעם וועלט אידענטום. עס איז מעגליך צו ברענגען אן אלגעמיינעם שלום, נאר ווען די פעלקער זאלען אנערקאנען:

"אז מענשען פון אן אנדער ראסע זענען געוואָרען פעט, רייך און מעכטיג דורך דער מלחמה, האבען פארנומען די פלעצער און זיך רייך געמאכט אויפ'ן חשבון פון די, וועלכע האבען געקעמפט עהרליך, האבען פארכאפט די רעגיערונגס מאכט פון די ארישע פעלקער, האבען זיי פארשקלאפט, טיראניזירט און אויף זיי ארויפגעצוואונגען א פאליטיק פון אויסהונגערען.

"אז יעדע נאציאן וואס וועט אנטייל נעהמען אין דער דיסקוסיע, זאל איינשטימען, צוזאגען און זיך פארפליכטען, צו האבען אלס זייערע פארטרעטער, אין אלע זייערע אינערליכע און אויסערליכע פראגען, נאר מענשען פון דער ארישער ראסע און צו באזייטיגען אלע ניט אריער און אלע די וועלכע האבען אפילו א מינימום פון ניט־אריש בלוט."

דער פלאן זאל באשטעטיגט ווערען דורך'ן אמעריקאנער סענאט און צוגעשטעלט ווערען דורך די אמעריקאנער אמבאסאדארען צו די פארשיעדענע ארישע רעגיערונגען.

* * *

צוזאמען מיט דער "סוואסטיקא", איז אמעריקא געקרוינט געוואָרען אויך מיט א נייעם נאמען: "יוסאניא" (יו־ס־אניא) וואהרשיינליך אויפ'ן משקל פון גערמאניא. די בראשורע איז ארויסגעגעבען געוואָרען און ווערט פארשפרייט דורך אן ארגאניזאציע וואס רופט זיך "נארדיק אריען פעדערייזשאן אוו יוסאניא", וועלכע האט איהרע צענטערען אין פארטלאנד, ארעגאן און אין מילוואקי, וויסקאנסין. אן אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די "נאָרדיק אריען פעדערייזשאן אוו יוסאניא" איז א דייטש־אמעריקאנער ארגאניזאציע וואס גיט אויך ארויס א דייטשע מאנאטשריפט אונטער דעם זעלבען נאמען, אין פארטלאנד.

* * *

ווער האט אימפארטירט די "סוואסטיקא" קיין אמעריקא? ווי גרויס איז די געפאהר? גרייט זיך אפשר א "פוש" אין איהר נאמען? ווער שטעהט אונטער דער באוועגונג און שטיצט?

וועגען אוטאר, ערנסט גערנער, קאן געזאגט ווערען נאר אזוי פיעל, וויפיעל ער זאגט אליין עדות וועגען זיך. אין צייט פון קריעג איז ער ניט געווען זעהר שוה בשוה מיט דער ווילסאן אדמיניסטראציע. צוליעב זיין שארפער פראָ־גערמאנישער פראפאגאנדע, האט אפילו די רעגיערונג דאן אנגעהויבען א פראצעס צו אנולירען זיינע בירגער פאפירען.

לייענט מען אבער זיין פלאטפארם פאר די קומענדיגע פרעזידענטען וואהלען, מיט די צוועלף טעמים, צוליעב וועלכע דער פרעזידענט דארף זיין "א ראסען באַוואוסטזיניגער מענש", און ערפאלגרייכער ביזנעסמאן און אזעלכער, וואס וועט זיך ניט לאזען אפקויפען דורך געלד און די אידען — ווערט עס קלאהר, אז אויב אמאל פלעגען אלע וועגען פיהרען קיין רוים, פיהרען זיי היינט, אונטער דעם צייכען פון דער "סוואסטיקא" קיין — דעטראיט...

בילדער פון היינטיגען ליטא

—):0:(—

פון א. שטיוועל.

אן אומעט פאלט אן, ווען עס קומט אויס ארומצוטראגען זיך איבער ליטווישע פעלדער און וועלדער אין די קאלטע רעגענדיגע הערבסט טעג אדער אין די לאנגע חושך־פינסטערע נעכט. אלע אברים ווערען צוטרייסעלט און דערפרוירען, זיצענדיג אויפ'ן פוהרעל וואס פיהרט דיך פון איין שטעדטעל צום צווייטען. אט רעגענט עס און אט באלד שנייט עס, און דער ווינט רייסט די אויגען, אז עס איז ממש שווער דעם וועג צו דערקאנען.

דער פוהרמאן, אן אידעל אן ארטיגער, וואס ווייסט די געגענד ווי זיינע פינף פינגער, איז בלומרשט פעסט און זיכער ביי זיך; ער זינגט זיך אונטער א ליעדעל, זאגט א גלייכווערטעל אבער ביסלעכווייז ווערט אויך ער אנשווייגען, שטעלט אפ די פערד און קריכט פלוצלינג גאר אראפ פון דער פוהרע. איך פיהל, אז עס איז ניט היימליך, און גיב איהם א פרעג, צו האבען מיר זיך ניט אקארשט א לאז געטון אין א זייט. מיין אידעל שווייגט. איך פארשטעה, אז מיר זענען אראפ פון שליאך, און הלואי, זאל עס זיך גוט ענדיגען... איך וויקעל מיך איין שטייפער אין מיין וועג־פעלץ און פרוביר איינצודרימלען.

כך הוה: א גאנצע נאכט דרעהען מיר זיך ארום צווישען פעלדער, וועגען און פעלדער. ערשט צום פריהמארגען קומען מיר אין שטעדטעל, וואוהין די נסיעה דויערט געוועהנליך א פאר שעה... אט אזוי פאהרט מען נאך היינט צו טאג איבער די שטעדטלאך פון דער ליעבער ליטא.

אז גאט העלפט, שפאנט מען מיגלייך איין אין דער ארבייט, איך בין דאך אן אינסטרוקטאר פון נאציאנאל ראט, און עס הויבט זיך אן א קאפ דרעהעניש.

איינמאל, נאך אזא מין נאכט נסיעה בין איך אנגעקומען אין שטעדטעל ב. דארף דאס גראדע זיין בעת דער ענדערונג פון דער וואליוטא. די דייטשע מארקען דארפען אויסגעביטען ווערען אויף אונזערע איינענע ליט'ן. דאס שטעדטעל האט איינגאנצען געקאכט. וואס וועט זיין מיט די מארקען און ווער וועט זיי בייטען און וואו וועט מען זיי בייטען? און וואס איז דאס פאר א מטבע, דער ליט? און צו וועלען די פויערים פארקויפען פאר זיי פראדוקטען? און צו וועט מען זיי, די ליט'ן הייסט עס, אננעהמען אין אויסלאנד? און נאך פראגען אהן א שיער, האט דאס שטעדטעל געפרעגט. אלץ מוז איך ענטפערען, וואדום, וואו קריגט מען נאך א בעסערע געלעגענהייט צו שטעלען די אלע קלאץ־קשיות, ווי ביים אינסטרוקטאר, וואס קומט פון סאמע "מקום" און ווייסט אודאי דעם ריכטיגען אמת?...

א גאנצען טאג האט מען מיך ניט געלאזט רוהען, ווער עס האט נאר געהאט גאט אין הארצען, האט אלץ געפרעגט שאלות, וואס און ווען און ווי אזוי? בקיצור ביינאכט, א פארמאטערטער, ווייל איך זיך שוין אפרוהען נאך מיין "פינאנציעלער" טעטיגקייט, אז פלוצלינג קומט אריין א שפאגעל נייע חברה מיט גראבע בודהאלטערסקע ביכער אין די הענט, און דער עלטסטער פון זיי ווענדעט זיך צו מיר מיט א גאנצער רעדע בזה הלשון: "היות זיי, עס הייסט א גרופע ל— ער סוחרים האבען מיט א האלב יאהר צוריק געגרינדעט אן אקציאן געזעלשאפט, און אריינגעטראגען האט יעדערער צו הונדערט טויזענט מארק; און היות ווי אויך די צונויפגענומענע געלד, האט מען באשלאסען צו עפענען א באנקירסקע קאנטאר, ווייל ווי עס האט געוויזען די צייט, קען מען דערפון ציהען די גרעסטע פראפיטען און היות די באנק האבען זיי געעפענט, געקויפט דאלארען, פונטען, ליטווישע רובעלס, גילדענס, גאלד, זילבער ובדומה, איז דער ענין געווען א גאנץ גוטער. מיט דער צייט האבען זיי אבער אויך אנגעהויבען איינקויפען תבואה, בהמות און עהנליכע דארף זאכען, פאר דער גאנצער צייט האבען זיי קיין ספעציעלען בוכהאלטער ניט געהאלטען. די ביכער האט זיי געפיהרט נחמן דער אייזען־קרעמער, וואס איז אין ב. דער גרעסטער בעל חשבון, איצט אז די מארקען שאפט מען אפ, ווילען זיי זיך אפרעכענען, כדי צו זעהן, וואו זיי האלטען אין דער וועלט. נחמן האט דריי טעג געחשבונ'ט, געכופל'ט, געחבור'ט, געחסור'ט, און צום סוף האט ער זיך אזוי פארפלאנטערט אין די דאלארען מיט די קיה, מיט די פערד, מיט די פונטען, עופות, גערשטען און גילדענס, אז מען מוז אנהויבען פון דאס ניי דעם חשבון... הער אינסטרוקטאר, — האט פארענדיגט דער ראש המדברים, — אונזער גאנצע האפנונג איז אויף אייך פלאנטערט אונז פאראנאנדער, הער אינסטרוקטאר. איהר וועט פארדינען די גרעסטע מצוה!"

ווי איך האב זיי ניט געפרובירט איבערצייגען, אז איך בין ניט קיין בוכהאלטער און אז אין די זאכען פארשטעה איך ווייניג, עס האט גארנישט געהאלפען: איך האב מיך געמוזט אוועקזעצען קנעלען איבער די ביכער, ביז איך האב זיי ניט ארויסגעטראגען מיין פסק דין: אז נחמן דעם אייזענקרעמערס ביכער קאן מען גארניט פארשטעהן, עס איז דארטען קיין בוכהאלטעריי ניטא, נאר סתם אנגעשריבען פערד אויף דאלארען, פונטען אויף קיה און גולדענס אויף תבואה. די "אקציאנערען" האבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך, א קוק געטאן אויף מיר, אויף נחמן דעם אייזענקרעמער און גענומען אויסטענה'ן דאס הארץ: סטייטש, אז מיר האבען פאר א האלב יאהר אריינגעטראגען הונדערט טויזענט מארק, איז דאך דאס געווען א מטמון מיט געלד, טא וואו איז דאס אהינגעקומען? זאל זיין מען האט געקויפט תבואה, פערד, דאלארען, פונטען און נאך שווארצע יאהרען, אבער דאס געלד דארף דאך זיין.

טענה'ט נחמן פארקעהרט: איהר האט אריינגעטראגען מארקען, איז דער מארק געפאלען, איז עס היינט גארניט, הבל הבלים... טענה'ן זיי: אבער אונזער געלט? ענטפערט נחמן: עס איז בלאָטע, עס איז ניטא. שרייען זיי ווידער: סטייטש ניטא, האסט עס משמעות פארטון, צוהולטייעוועט... בקיצור, א ווארט פאר א ווארט, עס איז שיעור ניט דערגאנגען צו א געשלעג. מיט גרויס מאטערניש האב איך אויסגעפראוועט די חברה אקציאנערען פון דער אכסניא, האב אפגעגעסען אוועטנברויט אין חלש שלאַפען. איך געה אריין אין מיין צימער און געפין, אז מען שנארכט דארט אויפ'ן שעהנסטען אופן. ווער איך א צוקאכטער און לויף צו דער בעל הבית'טע: "ווער זאג איך, האט אייך געבעטען ביי מיר אין צימער אריינלעגען נאך א פארשוין? די בעל הבית'טע ווערט ניט שטארק נתפעל און מאכט צו מיר: עס איז ניטא קיין פלאץ, מוז מען לייגען צוזאמען, עס מאכט אבער ניט אויס, דער איד איז א סוחר און פאהרט מיט באגינען אוועק קיין קופישאק.

איך בין דערמיט ווייניג געהאָלפען געוואָרען. איך האב געוואוסט אז דער איד וועט מיך ניט לאזען שלאפען און ערשט באגינען וועט ער אפפאהרען. א דאנק איהם. אבער וואס האב איך דערפון? נייען, טראכט איך מיר, דאס איז קיין עסק ניט. מען דארף זעהען פון איהם פטור צו ווערען פריהער. און אזוי זיצענדיג און טראכטענדיג פאלט מיין בליק אויפ'ן וועק־זייגער, וואס שטעהט אויפ'ן טיש. איך קוק מיר צו עס איז האלב איינס. אנגעשטעלט איז ער אויף פינף אין דער פריה. איך נעהם איהם שטילערהייד, דרעה איבער די ווייזערס אויף דריי שעה, דערנאך טו איך מיר אוים און קריך שטילערהייט אריין צו מיר אין בעט. מהיכי תיתי, טראכט איך, אנדערהאלבען שעה, וועל איך ווי עס איז דורכליידען דעם כראפענדען, דערנאך וועט שפעטער זיין גוט.

איך האב אקארשט איינגעדרימעלט האט דער זייגער אנגעהויבען קלינגען אזוי הילכיג, אז מיין איד איז ממש ארויסגעשפרונגען פון בעט. ער האט אנגעריבען א שוועבעלע און גענומען בחפזונדיג זיך אנטון. אין צעהן מינוט ארום איז ער ארויס פון צימער. איך האב שטילערהייד פארמאכט די טיהר און איינגעשלאפען ווי א געהרגעטער ביז שפעט אין דער פריה.

ביים פריהשטיק דערצעהלט מיר מי'ן בעל הבית'טע טאכטער, וואס פאר א צרות זיי האבען דאס געהאט פון דעם קורפישקער סוחר. דער זייגער, לאזט זיך אויס, איז געגאנגען ניט ריכטיג. איז רע אויפגעשטאנען צוויי אנשטאט 5 און געקרימען צום באהן האלבע נאכט. דער וואקזאל איז נאך געווען פארשפארט און א לעבעדיגער הונט איז דארט ניט געווען. האט ער זיך אומגעקעהרט אין אכסניא, האט מען איהם אהין ניט געוואלט אריינלאזען. האט ער שיעור ניט צוטראגען דאס גאנצע הייזעל קלאפענדיג... איז ער ארום א שעה אפגעשטשאנען אויפ'ן פראסט און ערשט דאן האט מען איהם אריינגעלאזט אין עס שטוב.

* * *

פאר דער מלחמה, בעת אלס איז געגאנגען כשורה, איז קאוונא געווען א קליינע גובערניאלע גרענעץ־שטאדט, און ווען אויסערארדענטליכע געשעהענישען האבען נאך ניט אויפגעטרייסעלט דאס הינגע אידישע לעבען, האט אין קאוונא, מיט דער הילף פון צדקה, עקזיסטירט א קליינער בית יתומים אויפ'ן נאמען פון קאוונער רב רבי יצחק אלחנן. דער דאזיגער בית יתומים עקזיסטירט נאך עד היום. איצט זענען דארטען פאראן מעהר קינדער, און די ענגשאפט אין זיינע חדרים איז גרעסער און באקוועמליכקייטען זענען וועניגער סיי פאר די ערציהער, סיי פאר די קינדער. דער תוך אבער פון אנשטאלט איז געבליבען דער זעלבער ווי געווען: די זעלבע אונערפאהרענע פעדאגאגישע ערציהונג, די זעלבע סיסטעמלאזיגקייט אין אלץ, די זעלבע אפגעלאזענקייט אין עניני סאניטאריע.

די מלחמה האט איבערגעלאזען א חיבשע ירושה דעם מזרח איירפאפאישען אידענטום בכלל און דעם ליטווישען בפרט. טויזענדער היימלאזע, הונדערטער יתומים, קינדער ביי עלטערען קראנקע, שוואכע און שוצלאזע. דאס אלץ האבען די ליטווישע אידען אפגעירש'ענט מיט דער אויטאנאמער פארוואלטונג, וואס זיי האָבען געגאסען. און בנוגע די דאזיגע אונבאהאלפענע קינדערלאך זענען די אלטע עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס געווען צו וועניג, כדי צו לעזען דעם קינדער פראָבלעם, וועלכער האט זיך ענטפלעקט פאר די אויגען פון דעם ליטווישען אידענטום. א דאנק די באמיהונגען פון אן ענערגישען מערב איירפאפאישען איד דר. לייזמאן, וועלכער האט שוין געהאט אויף דעם געביט אן ערפאהרונג, א דאנק די באדייטענדע געלד מיטלען, וואס דאס אמעריקאנער אידענטום האט אראפגעשיקט קיין מזרח איירפאפא, האט זיך אין משך פון די לעצטע יאהרען איינגעגעבען צו שאפען עטוואס אזוינס, וואס קאן דינען אלס מוסטער ניט נור פאר ליטא, נאר זאגאר פאר דער וועלט, אפילו פאר דעם ערפאהרענעם, באַהאוונטען און ערציהונגס עניגים מערב. בנוגע צו מזרח איירפאפא קאן מען מיט זיכערהייט זאגען: פאהרט דורך אלע לענדער פון אמאליגען אידישען תחום, וועט איהר ניט געפינען עטוואס עהנליכעס, וואס זאל זיין אזוי מוסטערהאפט איינגעארדענט און צוגעפאסט צום לעבען...

דאס קאוונער קינדער הויז איז אן אינסטיטוציע, וואס איז אנגעזאפט מיט ליעבע, סימפאטיע און איבערגעבענהייט פון די לעהרער און מנהיגים צו די קינדער און פארקעהרט: עס הערשט א הארציגע אטמאספערע, ווי אין א משפחה. די ליעבע פון די לעהרער ווערט אפגעענטפערט פון די קינדער אויף א הארציגען אופן.

א קליינער איינגעפאלענער מרחץ. פון כמה יאהרען א ווישער, א פוסטער, א קאלטער, איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א קינדער קאלאניע, וואס באשטעהט פון קינדער פון אלע עלטער, איהר קומט אריין אין א צימער: דארטען ליגען יונגע עופ'עלאך פון 1 ביז 3 חדשים; דא איז אן אונטערגעווארפען קינד, וואס מען האט עס אין א העכבסט נאכט געפונען אויפ'ן שוועל פון בית המדרש; דא איז א קיילעבדיגע יתומה, וואס איהר פאטער איז ניט לאנג געשטארבען נאך א לאנגער און שווערער קראנק און די מוטער איז אוועק אויפ'ן עולם האמת, בעת דאס קינד איז געבוירען געוואָרען; ווייטער ליגט א יתומה אהן א פאטער, א קינד פון א שטערבליך קראנקער מוטער און נאך און נאך... 12 קינדער זויגלינגע, צו וועלכע עס זענען פאראן ספעציעלע אמען, אויף וועלכע עס ליגען אכטונג ספעציעלע באַרעמהערציגע שוועסטער...

60 קינדער אין דער עלטער פון 2 ביז 15 יאהר, 15 קינדער 2—3 יעהריגע; 26 קינדער ביז 18 יאהר וואס זענען שוין האלב זעלבסטשטענדיג, ארבייטען אין דעם "ארט" שול און זענען שוין כמעט בעלי מלאכות. א פולשטענדיגע גאלעריי פון קינדער בילדער, און קוקט איהר זיך צו זיי צו, וואונדערט איהר זיך ממש ווי פיין זיי זענען ערצויגען, אמת, זיי שטיפען, אין זיי ברויזט א קוואל פונ'ם לעבען. ווי טאקטיש אבער זיי באנעהמען זיך מיט פרעמדע מענשען, מיט וואס פאר א הארציגקייט זיי באציהען זיך צו די לעהרער און מיט וואס פאר א פליעס זיי פארנעהמען זיך מיט זייערע למודים און

(פארזעצונג אויף זייט 3)

עקזעמא
איהר עקספערימענטירט ניט ווען איהר נוצט דר. טשייס'עס אוינטמענט פאר עקזעמא און הויט־איריטאציעס. ס'העלפט גלייך און היילט ביסלעכווייז די הויט. סעמפעל באקס פון דר. טשייס'עס אוינטמענט — פריי, ווען איהר דערמאהנט די צייטונג און שיקט 2ס. סטעמפ פאר פאסטעדזש. 60ס. א באקס; ביי אלע דיעלערס, אדער: עדמאנסאן, בייטס און קאמ. לימיטעד, טאראנטא.

פראווינציאלען ווערען בארויבט און באנומען פון אלע זייטען אין ניו יארק

מען דערקאנט דעם פראווינציאל לויט זיין הילוך. — מען רעכענט איהם אימעטום העכערע פרייזען און מען לייזיגט איהם אויס זיינע קעשענעס ביז'ן דעק. — מען דארף זיין א חוצפה'ניק און מען טאר זיך ניט לאזען פיהרען אין באד אריין. — ווי אזוי א גרויסער מיליאנער האט זיך ניט געלאזען באנעהמען אין ניו יארק.

פון אשר'ס אייניקעל.

אין ערגיץ איז מען אזוי ניט עולל צו בארויבט ווערען און צו באנומען ווערען פון קאפ ביז די פיס ווי אין דער גרויסער שטאדט ניו יארק. ווען א פראווינציאל פאלט אריין אין א ניו יארק, דערקאנט מען איהם באלד לויט זיין הילוך. מען רעכענט איהם הויכע פרייזען. מען שינדט פון איהם א פאס. וואו ער קעהרט זיך און וואו ער ווענדט זיך, לייזיגט מען אויס זיינע קעשענעס און מען לאזט איהם איבער ווי ער שטעהט און געהט.

דער הויט־שינדערישער פראצעס הויבט זיך אן גלייך ביים ארויסגעהן פון וואגאן. דער ערשטער הויבער איז דער טרעגער. ווען א גרויס שטאדטישער מענש גיט טראגען א רענצעל, וועט מען קיינמאל ניט קוקען וויפיעל און מען וועט נאך ארויסמורמלען דעם צוקער־זיסען ''טהענק יו, סער!'' ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פרעמדען, וועגען א פראווינציאל, קאן מען זיך ניט אויסצאהלען. מען מוז געבען א גראבע מטבע, און טאמער ניט מען ניט — איז רעכט צו פאדערען, צו אריינזאגען יענעם מיט'ן גראבען ווארט און ארויסרייסען ביי יענעם א גראבע מטבע.

דערנאך הויבט זיך אן א מעשה מיט א טעקסי. עס זענען דא פארשיעדענע טעקסים און עס זענען דא פארשיעדענע קאמפאניעס. איינינע קאמפאניעס רעכענען ביליגערע פרייזען, און אנדערע טייערערע פרייזען. איינינע באזיצען מאשינדלאך, וועלכע רעגיסטרירען יעדען שפאן, יעדען קעהר און ריהר פון דער טעקסי. אנדערע וויעדער רעכענען אויף דער שעה. אן אייגענער מענש קאן שוין קיין טעות'ן ניט מאכען. אן אייגענער מענש ווייס שוין וועלכע טעקסי איז א ראעלע און וועלכע עס בלאפט און פארפיהרט דעם עולם. א פראווינציאלער איז אבער ניט איבערקלייבעריש. זעצט ער זיך אריין אין א וועלכער ניט איז טעקסי — און הלך משה מאטע!

אין געוויסע טעקסים איז ארויסגעהאנגען א צעטעל, וואו מען רעכענט אויס וויפיעל עס קאסט א מייל, וויפיעל פאסאזשירען זי קאן פיהרען און ווי אזוי דאס געלט ווערט רעגיסטרירט. איז דאך שוין גוט און כשר? לאזט זיך אבער אויס, אז די שאפירס זענען גרויסע מזיקים. זיי קאנען רעגולירען די מאשינדלאך און זיי קאנען, אויף אזא אופן, ארויספישען איבעריגע עטליכע דאלארס פון א פראווינציאל, וואס ווייסט ניט דעם סוד פון פעלשען מאשינדלאך אין טעקסים. א ניו־יארקער וועט גלייך באמערקען דעם ''שווינדעל'' און וועט סטראשען מיט צורופען א פאליסמאן. און פאר א פאליסמאן האט א שאפיר מורא. ער קאן פארלירען די ''לייסענס''. און ער קאן אוועקגעשיקט ווערען פון זיין שטעלע.

ווי אזוי זשע איז מען זיך נוהג מיט א פראווינציאל? ערשטענס ''פיקסט'' מען דאס מאשינדעל און מען מאכט איהם צו סייק'ן מעהר מיט עטליכע דאלאר, און צווייטענס פיהרט מען איהם דורך זייטיגע גאסען און געסלאך, כדי דער עסק זאל געדויערען לענגער, און כדי די צעהן־סענט שטיקלאך זאלען ''וואקסען''. דער פראווינציאל קוקט אויפ'ן רעגיסטער. ער זעהט ווי עס וואקסט ווי אויף הוויוון. אבער ער ווייסט ניט אז דא קומט פאר א פעלשונג, אז מען באשווינדעלט איהם און מען באגנב'עט איהם אינמיטען העלען טאג.

דערנאך הויבט זיך אן א סדרה פון האטעלען און רעסטאראנען. אן אמעריקאנער וועט צאהלען דעם סטאנדארד־פרייז. ער וועט אלע מאל זיך אויסטענה'ן, אנווייזען אויף דער טאקסע, אויף די טאבעלען און וועט אלע מאל אפדינגען. דאס איז ניט קיין רעזולטאט פון קארגשאפט, נאר פון געזעץ. אויב עס איז דא א טאקסע, — פארוואס זאל א מענש צאהלען איבעריגע געלט? פארוואס זאלען מענשען וועלען ארויסקריגען ביי יענעם אומזיסטיגע מטבעות?

א פראווינציאל וועט זיך ניט דינגען. ערשטענס ווייסט ער ניט, אז מען באנעהמט איהם, און צווייטענס טראכט ער זיך, אז ער קומט אין ניו יארק איינמאל אין א יאהר אדער צוויי יאהר, וועט איהם לאסטען מיט א פופציגער אדער מיט א הונדערטער מעהרער. דורך א פופציגער קאן א מענש ניט באנקראטירען און דורך אן איבעריגען ''טיפ'' קאן מען ניט שטארבען. בויגט דער פראווינציאל דעם קאפ און צאהלט וואו ער געהט און וואו ער שטעהט. קומט ער אין א רעסטאראן, דינגט ער זיך ניט; הייסט ער געבען און וואס מען באט איהם אן. עס פאסט ניט צו טענה'ן מחמת ווען א מענש טענה'ט קאן ער זיך נאך ארויסכאפען מיט אן אומפאסענדיג ווארט, און מען קאן נאך דערקאנען, אז ער איז א גרויסער עם הארץ אין הלכות ניו יארק. און ארויסגעשטעלט ווערען פאר אן עם הארץ, וויל קיינער ניט.

פאלט ווער אריין אין אזא קעסעלגרוב ווי ניו יארק, אזוי לויערען אויף איהם טויזענטער אויגען. מענשען שטעהען און ווארטען אויף איהם, ביז ער וועט זיך פארקוקען וואו פויגעלאך פליהען, וועלען זיי ביי איהם ארויסשלעפען פון קעשענע א בייטעלע געלט, א גאלדען זייגערל, א פאאר פענסנע, א פאונטיין פען, אדער עפעס אן אנדער זאך. געהט ער אריין אין א קאר אדער אין אן ''על'', וואקסט שוין אויס ארום איהם א קעשענע גנב, וואס שארט זיך ארום זיינע קעשענעס און פלייסט זיך צו צוקומען צו די ''קלינגערס''. כאפט מען איהם אריין אין אן ''אקשען טייל'' — אזוי איז ער שוין זיכער, אז ער וועט ארויס פון דארט נקי, אהן א סענט ביי לייב־און־לעבען. דער ניו יארקער שווינדלער ווארט אויף קליין שטעדטעלדיגע ''יאלדען'', און דערטאפט ער ערגעץ א ''יאלד'', איז שוין איהם ניטא וואס צו מקנא זיין.

דער באקאנטער פילאדעלפיער מיליאנער עדווארד באק, וועלכער האט ניט לאנג צוריק ארויסגערופען א סענזאציע אין דער אמעריקאנער עפענטליכקייט מיט זיין הונדערט טויזענט דאלארדיגען שלום־פלאן, איז אמאל געווען א בעלן און האט זיך ארויסגעלאזען איבער ניו יארק, כדי צו זעהן ווי אזוי מען באנעהמט דעם עולם. זיינע שילדערונגען וועגען די דערפאהרונגען אין די ניו־יארקער גאסען, אויף די וואקזאלען, אין רעסטאראנען, טעאטערס און אנדערע עפענטליכע ערטער, זענען זעהר אינטערעסאנט. און כאטש זיי זענען געשילדערט געווארען אין דעם קרענקליכען שטערנענג־אמעריקאנישען גייסט; כאטש אין געוויסע ערטער האט ער שוין געהאנדעלט ניט ווי א מיליאנער, נאר ווי א פראסטער שנארער — דאך קאן מען פון זיינע שילדערונגען זיך קונה זיין א באגריף וועגען די רויבערישע מעטאדען, וואס ווערען פראקטיצירט אין ניו־יארק.

באק דערצעהלט, אז ער איז אריין אין וואלדארף אסטאריא האטעל און האט זיך געהייסען דערלאנגען א טעפעלע מילך מיט ביסקיטס. ווען ער איז פארטיג געווארען, האט מען איהם אונטערגערוקט א ביל אויף זעכציג סענט. ער איז אבער ניט געווען פויל און האט צוגערופען דעם ווייטער און האט איהם מיט'ן הארבען ווארט געזאגט, אז ער זאל אויסבייטען דעם ביל אויף א צוואנציג־סענטיגען, און ערשט דאן וועט ער סיילק'ן די פאר סענט. דער ווייטער איז אוועק, און אין עטליכע מינוט ארום האט ער איהם צוריק געבראכט אן אנדער ביל אויף צוואנציג סענט.

אן אנדערש מאל, דערצעהלט באק, האט ער גענומען א טעקסי לעבען דעם פענסילוויניע רעילראוד סטיישאן און האט זיך געהייסען פיהרען צום מעדיסאן סקוועהר גארדען. ווען דער שאפיר האט איהם געהייסען באצאהלען פינף און אכציג סענט, האט זיך באק ניט געשעהמט און האט גלייך ארויסגעצויגען פון קעשענע א טאבעלע, און האט איהם געוויזען, אז דער פרייז פון דער נסיעה איז ניט מעהר ווי א פערטעל דאלאר, און פאר'ן טשעמאדאנטשיק קומט איינגאנצען 10 סענט. ארום און ארום הייסט עס א קיילעכדיגע סומע פון פינף און דרייסיג סענט. באק האט ארויסגענומען פינף און דרייסיג סענט און איז מיט א שמייכעלע אראפ פון דער טעקסי און איז אריין וואו ער האט באדארפט.

אין אן אנדער פאל איז באק אריין אין א רייכען רעסטאראן און ער האט געהייסען זיך סערווירען א גוטען מאהלצייט. נאכ'ן עסען האט מען איהם צוגעטראגען א ביל אויף א דאלאר מיט פערציג סענט.

ער האט א בליק געטאן אויפ'ן ביל, און האט באצאהלט די פאר סענט. דערנאך האט ער דעם ווייטער געגעבען צעהן סענט אלס ''טיפ''. ווען ער האט זיך אפגעקעהרט אן א זייט, האט ער געהערט ווי אזוי דער ווייטער האט אנגעוויזען אויף איהם און האט אריינגעשושקעט זיין חבר אין אויער אריין, זאגענדיג אז ''אט רעך מאן וויל שנעל רייך ווערען''....

באק האט צוגערופען דעם מענעדזשער פון רעסטאראן און האט איהם דערצעהלט די מעשה. ער האט פאר איהם געהאלטען א ''לעקציע'' און האט איהם געזאגט, אז דער ווייטער איז ניט גערעכט. דער ווייטער, האט באק געזאגט, האט איהם סערווירט א פרעמדען מאהלצייט, און האט נאך געקריגען א זייטיגען ''דיים'' אלס הוספה צו זיינע שכירות. ער האט, דעריבער, ניט געהאט קיין רעכט צו גראמבלען אויף דער קליינער מטבע; וויפיעל מען גיט — דארף מען נעהמען און זאגען א דאנק...

באק'ס דערפאהרונגען דארפען ווייזען, אז מען דארף זיך אין ניו יארק ניט לאזען פיהרען פאר דער נאז. מען טאר זיך ניט שעהמען. קעפען קעפט מען קיינעם ניט, און אויב מען וויל ניט בארויבט ווערען אהן א פארוואס און אהן א פארוואן, דארף מען עפענען די לעפצען און רעדען מיט באק־צייהנער. א נעבעכיל וועט אין ניו יארק אויסגעזויגען ווערען ווי א לימענע און וועט ארויס מיט לעדיגע קעשענעס.

מען קען קויפען אלע סארטען טיטולען פאר א פאר דאלאר

פון א. טשערניגאוו.

אין דער שווייץ געפינט זיך איצט א פירמע וואס פארקויפט טיטולען, אלע סארטען טיטולען וואס מען קען הערען און געדענקען, פאר צעהנדליג, פאר הונדערט און אין גאנץ זעלטענע פאלען פאר א פאר טויזענט אמעריקאנער דאלאר.

די פירמא האט עטליכע אדרעסען און קיין אפענע קאנטאר האט זי ניט. זי האט פשוט מורא. אבער מען זיך מיט איהר דורכשרייבען, מאכען שריפטליכע אנפראגען און אלע מאל שיקט די דאזיגע פירמע צו איהרען א פארטרעטער, וועלכער פארענדיגט דעם מסחר.

די פירמע האט זאגאר א פרייז קוראנט וועלכען זי צושיקט איבעראל, הויפטזעכליך אין די רייכע אייראפעאישע האטעלען וואו עס געפינען זיך אמעריקאנער אדער אנדערע רייכע ליידיג־געהער, און מען קען פון דעם פרייז קוראנט זעהען וואס עס קאסט און אויסקלייבען זיך א טיטעל וואס איז נעהענטער צום הארצען און צוגענגליך צו דער קעשענע. עס איז גאר ניטא קיין טיטעל וואס איהר זאלט ניט קריגען אט ביי דער דאזיגער פירמע מארקיז, גראף קניאז, וויצע קאנסול, גענעראל, דאן פארשיעדענע געלעהרטע טיטולען. א מיטגליעד פון יענער און יענער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע, א טרעגער פון א מעדאל פון יענער און יענער ליטעראַרישער, אדער קינסטלערישער אקאדעמיע.

די פירמא האט איהרע אגענטען איבעראל אין די גרויסע אייראפעאישע שטעדט און ווען א רייכער אמעריקאנער באזוכט, לאמיר זאגען, פאריז אדער לאנדאן, קאן ער שריפטליך ארויסקריגען ביי דער פירמע אזא טיטול וואס זאל זיך פאסען פאר איהם און ברענגען דאס אהיים אלס אויפטו. אפילו אן אויסצייכענונג אין דעם לעצטען קריעג מיט דער פאסיגער מעדאל און דער ליענטע אויף וועלכער די מעדאל הענגט, קען אזא רייכער אמעריקאנער ברענגען אהיים, כאטש ער האט קיינמאל אין לעבען ניט געשמעקט קיין פולווער און האט די עצם מלחמה געזעהען בלויז אין די מואוויעס.

אז איהר עפענט אויף דעם פרייז־קוראנט פון דער פירמע ענטפלעקען זיך פאר אייך אזעלכע טיטולען און אזעלכע אויפטואונגען און אויסצייכענונגען פון וועלכע איהר האט אפשר קיינמאל ניט געהערט און אפשר האט קיינער קיינמאל ניט געהערט. אבער דאס איז ניט וויכטיג. די טיטולען זענען דא, די מעדאלען אויך און איהר קריגט זיי, ווען איהר באצאהלט נאר דאס געלט.

פאראן אין איטאליע א מעדאל וואס הייסט גראנד קארדאן. מען זאגט אז מען קען דאס קריגען נאר אז מען ווייזט ארויס גרויסע העלדענטאטען. אין פרייז קוראנט איז ער דא און ער קאסט פערציג דאלאר. פאר 40 דאלאר באקומט איהר א מעדאל אויפ'ן ברוסט מיט א ליענטע פון שעהנע קאלירען און א פאפיר מיט א געוויסען רויטען זייגעל, אז איהר זענט בארעכטיגט צו טראגען דאס צוליעב די און יענע גרויסע העלדענטאטען, וואס איהר אליין צועפענט ברייט די אויגען און וואונדערט זיך ווי אזוי איהר, אזא געוועהנליכער מענש, האט נאר ווען עס איז געקענט באגעהן אזעלכע גוואלדאוונע העלדענטאטען.

אין פאלערמא איז דא א געזעלשאפט פון כעמיקער וועלכע גיט ארויס מעדאלען צו די וואס האבען זיך שטארק אויסגעצייכענט אויף דעם פעלד פון דער דאזיגער וויסענשאפט. די מעדאל וואס די דאזיגע געזעלשאפט גיט איז פון גאלד באצירט מיט קליינע דימענטען און זי הענגט אויף א ליענטע פון בונטע קאלירען וואס מאכען זעהר א גוטען איינדרוק. אבער שרעקט זיך גארניט און מיינט ניט אז איהר מוזט דוקא זיין א כעמיקער. איהר מעגט אפילו ניט וויסען צו דאס איז א וויסענשאפט וואס לערנט אייך טרעפען פון די שטערען, אדער אזא וואס לערנט אייך אויס טאנצען אין דריי אוראקען. צאהלט איין זעכציג דאלאר און איהר קריגט די מעדאל מיט האק און פאק, און אלע אייערע באקאנטע וועלען טאקע מיינען אז איהר זייט א גוואלדיגער כעמיקער און אז איהר האט זיך ביז איצט באהאלטען פון דער וועלט און קיינעם ניט איינגעזאגט וואס פאר א גרויסער מענש און וויסענשאפטסמאן איהר זייט.

אין פאריז איז דא אן אקאדעמישע געזעלשאפט פון אינטערנאציאנאלער געשיכטע. איהר מעגט זיך וויסען אין אינטערנאציאנאלער געשיכטע ווי א האהן אין בני אדם. נאר אז איהר צאהלט איין פערציג דאלאר קריגט איהר א מעדאל פון דארטען, א מעדאל מיט אלע קליפעריאך דערצו.

אין נעאפעל איז דא אן אקאדעמיע פון אנטראפאלאגישער וויסענשאפט, וואס טראגט זעהר א לאנגען און אימפאזאנטען נאמען. אין דעם פרייז קוראנט פון דער דערמאהנטער פירמע פארזיכערט מען אייך, אז די דאזיגע אקאדעמיע איז פארבונדען מיט דעם דארטיגען אוניווערזיטעט וואס דאס איז נאך דערוויל ניט באוויזען געווארען. אבער דאס איז פון די קליינינקייטען. די דאזיגע אקאדעמיע ''ערוועהלט'' אייך פאר איהרען א מיטגליעד און גיט אייך ארויס א פאפיער און א מעדאל מיט א ליענטע פאר עטוואס איבער הונדערט דאלאר.

פאר וועניגער ווי צוויי הונדערט דאלאר קריגט איהר ביי דער פירמע א מעדאל וואס גיט אייך דעם טיטול פון קאמאנדיר פון דער רויטער האלבער לבנה פון מאראקא. דאס איז אן אמת'ער טיטול אין מאראקא, וואס ווערט ארויסגעגעבען צו מענשען וואס האבען געהאט גרויסע אויסצייכנונגען. אבער פאר אייך איז בכלל ניט נויטיג צו זיין אין מאראקא און אודאי ניט צו אויסצייכענען זיך אין עפעס. איהר מעגט אפילו ניט וויסען וואו מאראקא איז, צו אין קאווקאז אדער אין האמילטאן. באצאהלט איין די פאר דאלאר און איהר ווערט דער ''קאמאנדיר''.

אהן א שיעור טיטולען קריגט איהר פאר אזוי פיעל און אזוי פיעל דאלאר לויט דער גרויסקייט פון טיטול, וואס ווערען ארויסגעגעבען פון הייליגען פאבסט. דער הייליגער פאבסט האלט אין איין באלוינען טרייע קאטאליקען מיט הויכע טיטולען פאר זייער ארבייט פאר דער קירכע און פאר זייער איבערגעבענהייט. ער גיט די דאזיגע טיטולען און מעדאלען מיט זיי אויף רעקאמענדאציעס פון בישאפס אין אלע ווינקלען פון דער וועלט און די בישאפס ווידער גיבען געוועהנליך די רעקאמענדאציעס אויף רעקאמענדאציעס פון קלענערע גלחים. איז אט מיט די קליינע גלחים און מיט פיעלע בישאפס שטעהט די דערמאהנטע פירמע אין שטענדיגער פארבינדונג און טוט מיט זיי מסחר. און עס איז גאר ניטא קיין טיטול וואס דער פאבסט זאל ניט ארויסגעבען וועלכען מען זאל ניט קריגען פאר געלט. צו ווערען א קאוואליער פון דעם ארדער דער הייליגער געארג קאסט א פופציג דאלאר. פאר דעם טיטול קאמאנדיר צאהלט איהר ארום דריי הונדערט דאלאר. דער טיטול באראן קאסט 12 הונדערט דאלאר. פאר דעם טיטול גראף צאהלט איהר עטוואס מעהר און פאר דעם העכסטען טיטול מארקיז באצאהלט מען 15 הונדערט דאלאר. ביליגער ווי בארשטש. פאר וועלכע עס איז לומפיגע 15 הונדערט דאלאר ווערט איהר א מארקיז, אייער ווייב א מארקיזיכע און אייערע קינדער מארקיזעלאך, ווארום דאס איז א טיטול וואס געהט אריבער בירושה.

עס פארשטעהט זיך, אז אום צו קריגען אזעלכע טיטולען מוזט איהר זיין א קאטאליק און איהר מוזט ווייזען א בריעף און א רעקאמענדאציע פון א בישאפ, אבער די פירמע וואס האנדעלט מיט טיטולען באזארגט די אלע זאכען פאר אייך. זי קריגט פאר אייך דעם בריעף און מאכט אייך פאר א קאטאליק אפילו אז איהר זייט דאס ניט. איהר דארפט טאן נאר איין זאך און דאס איז איינצאהלען די פאר דאלאר.

שפאניען איז א לאנד וואו טיטולען זענען דא אהן א שיעור און א גאנץ גרויסע צאהל פון זיי זענען ''צום האבען'' פאר געוויסע סומען געלט. אויב איהר ווילט קריגען דעם טיטול פון ריטער פון יאהאן דעם משומד אין שפאניען, א טיטול וואס רעכענט זיך דארטען פאר זעהר א געהויבענעם און וואס קומט מיט מעדאלען, ליענטעס און זאגאר אן אוניפארמע מיט א שווערדעל ביי דער זייט. אויב איהר ווילט קריגען אזא טיטול וועט דאס אייך די פירמע צושטעלען אין איינע פאר וואכען פאר קנאפער ווי טויזענט דאלאר. א כשר'ע מציאה.

אויך אין בולגאריע געפינט מען גענוג טיטולען צו קויפען דורך דער פירמע. ערשטענס קריגט איהר דארטען פאר וועלכע לומפיגע פערציג דאלאר א מעדאל פון בולגארישען רויטען קרייז און א פאפיר, אז איהר האט ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע העלדישקייט אין צייט פון קריג, און דאן קריגט מען דארטען טיטולען וואס מויל קען גאר ארויסרעדען און אלץ פאר שפאט ביליג, בחצי חנם.

אז עס גלוסט זיך אייך צו ווערען א דיפלאמאט דארפט איהר נאר נישט טאן פאר דעם און דארפט אפילו ניט וויסען דעם טייטש פון ווארט, די דערמאהנטע פירמע מאכט אייך פאר וויצע קאנסול פון די פאלגענדע לענדער: באליוויא, ווענעזועלא, גואטעמאלא, קאסטא ריקא און נאך זיד אמעריקאנישע און צענטראל אמעריקאנישע רעפובליקען. איהר דארפט די לענדער ניט אנקוקען, איהר מעגט אפילו ניט וויסען וואו אייגענטליך די דאזיגע לענדער ליגען. מען מאכט אייך פאר א וויצע קאנסול פון די דאזיגע לענדער וואו איהר ווילט, מיט אלע דיפלאמאטישע פריווילעגיעס וואס קומען דערמיט (אריינגערעכענט די פריווילעגיע פון קריגען צוגעשיקט שנאפס און די ''טרוקענע גזלנים'' זאלען דאס פון אייך ניט אוועק נעהמען) און אלץ וואס איהר באצאהלט פאר דעם איז פינף הונדערטער. קיין סענט ניט מעהר. מען שיקט אייך זאגאר צו די פאסיגע קליידער און די נויטיגע מעדאלען. ווי עס קלייד זיך א וויצע קאנסול און איהר קענט דאס אנטאן צו אלע פאראדען.

וועגען שפאניע קענען מיר צוגעבען אז איהר קריגט דארטען פיעל אנדערע טיטולען פאר געלט איידער די וואס מיר האבען פריהער אויסגערעכענט. איהר קענט ווערען א שפאניער באראן פאר 18 הונדערט דאלאר, א שפאנישער גראף פאר צוויי טויזענט דאלאר און פאר ניט פיעל טייערער א שפאנישער מארקיז.

פאראן א רעפובליק אין אייראפא איז דאס די גרויס ווי א קליין טל ומטר'ל. מען זעהט דאס כמעט ניט אן אויף דער אייראפעאישער לאנד קארטע. די דאזיגע רעפובליק סאן מארינא הייסט זי, געפינט זיך לעבען איטאליע, און דארטען קריגט איהר וואס פאר א טיטולען איהר ווילט נאר און גאר ניט טייער. די פרייזען פון טיטולען פון דער סאן מארינא רעפובליק ווערען אין פרייז קוראנט פון דער פירמע אויסגערעכענט אין איטאליענישע לירעס. א באראן דרייסיג טויזענט לירעס, א גראף פערציג טויזענט לירעס, א הערצאג קיז פופציג טויזענט לירעס, א הערצאג זיבעציג טויזענט לירעס און א פרינץ 90 טויזענט לירעס. לויט דער פרייז פון לירעס איצט איז דאס די גרעסטע מציאה.

ווי איהר זעהט דארף מען נאר האבען די פאר דאלאר און מען קען ווערען אלץ אין דער וועלט: א ריטער, א מארקיז, א וויסענשאפטסמאן, א קינסטלער, וואס ניט.

אלע שפייז דארף זיין פארזיגעלט

די מעדיצינישע פראפעסיע איז שטענדיג דערפאר, אז אלע שפייז־פראדוקטע זאלען פארקויפט ווערען אין פארזיגעלטע פעקלאך. אין אלע שטעדט גיט מען שטרענגע אכטונג, אז אין די בוטשער־שעפער זאלען די פליישען אפגעהיט ווערען, אין פיעלע שטעדט פארבאט מען לויזע מילך, און ביסלעכוויז וועט אזוי זיין מיט אלע שפייזען. ''סאלאדא'' איז געוועזען די ערשטע, מיט איבער 32 יאהר צוריק, צו איינפיהרען פעקלאך טיי און ''סאלאדא'' איז נאך איצט די ריינסטע, און אביסעל בעסערע טיי ווי אנדערע. עס האט דעם גרעסטען פארקויף.

דייטשע רעגירונג באערט טאראנטאר פאר העלדישקייט

מעיאר הילץ האט שבת איבערגעגעבען צו דזשיי. באנאן פון 26 פעמבראק סטריט א מעדאל וואס איז צוגעשיקט געווארען פון דער דייטשער רעגירונג פאר העלדישקייט, וואס ער האט באוויזען בעת א שיפס־אומגליק אין 1922. מר. באנאן האט דאן געראטעוועט זיבען מענשען פון א זיכערען טויט.

אינגעל פארוואונדעט

וויליאם בלענד, א פיער יעהריגער אינגעלע פון 91 ווילקאקס סטריט, איז שבת איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל אויף ספעדינע עוו. און הארבארד סטריט. ער איז צוגענומען געווארען אין גרייס האספיטאל.

M. S. COHEN
COAL
קויפט קוילען פון
מ. קאהן
גיט גלייך דעם ארדער איהר קריגט די בעסטע הארטע קוילען און צופרידען גאראנטירט..
פארגעסט ניט דעם נומער. טעלעפאן טריניטי 4524. — אפיס קוילען יארד 114 יוקליד עוועניו.

Detecketing!

נאך דער גרויסער רויבעריי האבען די רעפארטערס זיך א לאז געטאן ארום די הערקוואטערס צו זעהן דעטעקטיוו העין שוויצער.
וואס איז וועגען דער רויבעריי? ,,וואס הערט זיך, העין ״ — האבען זיי געפרעגט.
,,גארנישט פיעל״, האט געזאגט דער דעטעקטיוו, ,,אבער איך האב א גוטען שפור״.
דא איז א גוטער ,,שפור״ פאר אייך אויך! ער געפינט זיך אין דעם גרויסען קומענדיגען סטראלערס קאנטעסט וואס איהר קאנט געווינען זאמלענדיג און פארקויפענדיג סטראלערס שפור־בילדער. $300 אין פרייזען.
דער ,,שפור״ איז פון א מאוווי־סטאר וועמעס בילד עס וועט ערשיינען אין דעם לעצטען קאנטעסט־צעטעל, וועלכער וועט געדרוקט ווערען אין דיזער צייטונג דעם 26־טען אפריל. גרויסע אדער קליינע בילדער וועלען אנגענומען ווערען.
זאמעלט און בייט סטראלערס מאווי־סטאר פיקטשורס
STROLLERS
דער סיגארעט מיט'ן אריגינעלען געשמאק
THE TOBACCO PRODUCTS CORPORATION OF CANADA, Ltd. HAMILTON, ONT. SC-12

די קרוין פון אלע מצות
TRADE MARK
ושמרתם את המצות
איהר דארפט זיין פארזיכטיג מיט די מצות וואס איהר קויפט אויף פסח. איהר וועט זיין אם בעסטען צופרידענגעשטעלט פון
סימאן און ווייל
מצה
פון סינסינעטי
מצה
מצה מעהל
מצה פארפעל
און קעיק מעהל
''די קרוין פון אלע מצות''
פריש ווי פון אויווען־ארויס; געשמאק, יעדער ביסען א פארגעניגען; כשר, בהשגחת הרב הגאון ר' יוסף מאיר לעווין. קאסט ניט טהייערער ווי געוועהנליכע מצה
SIMON & WEIL, CINCINNATI, OHIO
אין טאראנטא צו באקומען ביי:
וויקטאר בעהר,
182 ליפינקאט סט.
טעלעפאן טריניטי
5128 J

מענער ספרינג
העטס
די לעצטע קאלירען און שיידס
$3.35
אויך ספעציעלע מציאות אין מענס פורנישינגס
BUCKHAM
Limited
באקהעם לימיטעד
264 יאנג סטריט

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario,
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

„א לעבען פאר א לעבען״

בעת מען האט מיט צוויי טעג צוריק דורכגעוואָרפען אין אונזער פעדעראלען פארלאמענט דעם ביל צו אפשאפען טויט־שטראף פאר מערדער און פארבייטען די שטראף אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניש, האט מען מיט גריסער פרומקייט און אויגען־גלאנצעניש ערקלעהרט, אז וואס שייך מערדער וועט קאנאדע אויך אויף ווייטער פארדערען „א לעבען פאר א לעבען״.

דער ביל צו אפשאפען טויט־שטראף איז אריינגעבראכט געווארען אין פארלאמענט דורך דעם לייבאריט אירווין, און עס פארשטעהט זיך, אז ער האט ארויסגערופען א העפטיגע געגנערשאפט מצד די געשוואוירענע אנהענגער פון טויט־שטראף. בעת דער ביל איז, מיט צוויי טעג צוריק, דורכגעוואָרפען געווארען, האט מען פריהער דעבאטירט זיבען שטונדען כסדר, און ניט ווייניג „אמת'ן״ זענען בשעת־מעשה ארויסגעזאגט געווארען. איינס האט זיך אבער אין אלע רעדעס אפגעשפיגעלט ווי קלאָהרע טראָפענס וואסער, — און דאס איז, די עהנליכקייט פון די שטעלונגען, וואס זענען ביי יענער געלעגענהייט אויסגעדריקט געווארען, מצד די פארטרעטער פון די צוויי אלטע פארטייען. ביידע לאגערען גלויבען נים א לעבענסלענגליכע געפענגעניש קאן אויסראטען פארברעכענס און באשיצען די לעבענס פון די קאנאדער בירגער; ביידע לאגערען קווינקלען זיך און קאנען ביי זיך ניט פועל'ן צו אראפרייסען די שענדליכע לאטע, וואס מען האט מיט דורות צוריק אויפ'ן פלייצע פון דער קאנאדער בירגערשאפט אנגעהאנגען.

טויט־שטראף איז א „הייליגע״ ירושה, און מען טאר זיך דערמיט ניט שיידען. אזוי האט מען גע'פסק'ט אין אטאווא, און אזוי וועט עס מסתמא בלייבען. דער סוף פונ'ם ביל וועט געוויס ארויסקומען לויט'ן גוסט פון די צוויי אלטע פארטייען, און די פארטיידיגער פונ'ם ביל וועלען זיך באנוגענען מיט א גוטער כונה. עס וועט זיך אפשטעלען בלויז די דעמאנסטראטיווע זייט פון דער אנגעלעגענהייט, און א דעמאנסטראטיווע ווערדע האבען די דעבאטען סיי־ווי־סיי. עס וועט זיך סוף־כל־סוף עפעס צו אימיצען מוזען צוקלעפען, אייב ניט איצט — איז אין עטליכע יאהר ארום. דאס וואס עס ווערט פארזייעט, מוז ווען־ניט־איז טראגען פרוכט.

„א לעבען פאר א לעבען״ — דאס איז די תורה פון די צוויי אלטע פארטייען. וואס האט אבער אט די תורה אויפגעטאן אין משך פון איהר עקזיסטענץ? דער וואס האט ווען אריינגעקוקט אין די בלעטער און האט זיך אמאל פארטראכט וועגען דער צאהל פון מארדען אין קאנאדע; דער וואס האט ווען־ניט־איז א טראכט געטאן וועגען דעם פראצעס פון „האלד־אפס״, פון פארגוואלטיגונגען און אנדערע קרימינעלע פארברעכענס — פאר יענעם וועט קלאהר ווערען, אז טויט־שטראף האט דעם געווינשטען צוועק ניט דערגרייכט. אין געוויסע פאלען איז טויט־שטראף ווי א סטימולירענדיגער מיטעל צו ווייטערדיגע קרימינעלע פארברעכענס. די מענשליכע טבע איז שוין אזוי איינגעארדענט, אז קרימינעלע פארברעכער זענען זיך נוקם פאר די לעבענס פון זייערע חברים. טויט־שטראף שלעפט הינטער זיך טויט־שטראף. דער חילוק איז בלויז, וואס אין איין פאל איז עס א מארד, און אין אנדערען פאל איז עס א שטראף פאר א מארד מיט'ן הסכם פון דער מאכט.

טויט־שטראף האט שוין לאנג באדארפט אפגעשאפט ווערען, ווייל טויט־שטראף איז אן איבערבלייבעניש פון די אלטע בארבארישע צייטען, ווען מענשען האבען געלעבט אונטער אנדערע אומשטענדען און אנדערע באדינגונגען. לעבענסלענגליכע געפענגעניש איז דאך אויך א גענוגענדע שטראף, וואס קאן א מענשען טרייבען צו זעלבסטמארד. די היינטיגע געפענגענישען, מיט זייערע „מאדערנע״ איינריכטונגען, זענען דאך סוף־כל־סוף לעבעדיגע קברים, וואו מענשען ווערען באגראבען אויף זייער גאנצען לעבען, און טויט שטראף איז פאר זיי כלל ניט נייטיג.

דער אנטיסעמיטיזם אין לעטלאנד

אמאהל איז געוועזען איין גרויסע רוסלאנד, איבער וועלכער עס האט געהערשט דער קנוט פונ'ם צאריזם, און אין יענער צארישער רוסלאנד האט מען פארפאלגט אידען. היינט איז רוסלאנד צוטיילט געווארען אין א רייהע מלוכות, און אין היין סאוויעט־רוסלאנד זענען אויך פארהאן א רייהע פון קלענערע מלוכות. די לעצטע האבען גע'ירשנט א סך זאכען פון רוסלאנד, און צווישען דער איבערגענומענער ירושה האבען זיי אויך איבערגענומען דעם ארטיקעל אנטיסעמיטיזם — די פארפאלגונגען אויף אידען. דער אנטיסעמיטיזם אין פוילען און אין ליטע איז גאנץ גוט באוואוסט, אבער עס שטעהען אויך ניט אפ די אנדערע טל ומטר מדינה'לאך, און אפילו אזא גרויסע מדינה ווי לעטלאנד (?) צייכענט זיך אויך אויס מיט איהר אידען־פיינדליכע פאליטיק.

פון צייט צו צייט ווערען אין די אייראפייאיש־אידישע צייטונגען פארעפענטלכט אינטערעסאנטע מאטעריאלען וועגען דער אידען־פאליטיק פון די דאזיגע נייע מלוכות, און קיין פרעהליכע גרוסען זענען דאס ניט.

אזוי ווערט דערצעהלט אין איינעם פון די לעצטע נומערען פונ'ם „דאנציגער וואכענבלאט״ וועגען דעם אנטיסעמיטיזם אין לעטלאנד:

> דער אנטיסעמיטיזם פארנעהמט א גאנץ אנגעזעהען ארט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון לעטלאנד. פון דעם אמאליגען אינדוסטריעלען לעטלאנד איז געבליבען מעהר נישט, ווי א זכר לחורבן, היינט איז לעטלאנד א ריין אגראר־לאנד. דער הערשענדער פויערים־בונד שטרעבט אן אלע כחות אום נישט צו דערלאזען די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון לעטלאנד. א פאר פאבריקלאך אין ריגע און ליבוי, וועלכע לעבען איבער אלע מאנטאג און דאנערשטאג א קריזיס צוליב מאנגעל אין אפזאץ־מארק. די שטאדטישע „אינדוסטריע״ — אויף וויפיעל זי עקזיסטירט — איז מייסטענס אין לעטישע הענט, בשעת מלאכה און האנדעל געפינען זיך אויסשליסליך אין אידישע הענט. דא ליגט דער שורש פון דעם וויכטיגען, ריין עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, די הויפט־אידעאלאגען פון דעם אנטיסעמיטיזם איז דער אזוי גערופענער דעמאקראטישער צענטער מיט זיינע צייטונגען, וועלכע כאפען אויף מיט גרויס התלהבות יעדען אויפרוף צום עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, צו פשוטע אידען־העצע.
>
> דאן קומט דער אנטיסעמיטיזם פון דעם פויערים־בונד. דער פויער האט אייגענטליך גאר נישט קעגען דעם אידישען קרעמער אין שטאדט, ביי וועלכען ער קויפט סחורה ביליגער ווי ביים לעט. ער ווערט אבער געהעצט קעגען די שטאדטישע קליינבירגערליכע שאוויניסטען און קעמפט דערביי מיט דעם דארפישען איד, ווי עקאנאמיש אזוי אויך פאליטיש. אין דעם פאליטישען אנטיסעמיטיזם איז דער נאהענסטער מיטקעמפער פונ'ם פויערים־בונד דער רעכט־ראדיקאלער פליגעל; די אזוי גערופענע בערגיסטען און קריסטליך־נאציאנאלע. דאס זענען די אידעאלאגען פון שטאדטישע הויז־באזיצערס, פאבריקאנטען און האלץ־הענדלער. פאר זיי איז דער אנטיסעמיטיזם אין דער ערשטער רייהע א מיטעל פון פאליטישער געשעפט־מאכעריי. אלע מאל, ווען אויפ'ן פאליטישען האריזאנט מערקט זיך א וואלקען, ווען ס'רייט זיך א סטרייק, רוקט מען ארוים דאס אלטע אויסגעפרואווטע מיטעל — אנטיסעמיטישע העצע.

אינ'ם זעלבען איבערבליק ווערען דא איבערגעגעבען א רייהע איינצעלהייטען, וואס ציינט אז דער אנטיסעמיטיזם הערשט אינ'ם גאנצען מלוכה־אפאראט פון לעטלאנד, און אז די רעגירונג סימפאטיזירט אפען מיט די אנטיסעמיטישע העצעס, וועלכע ווערען ענערגיש אנגעפיהרט איבער'ן גאנצען לאנד.

עס איז ניט קיין פרעהליכער גרוס — און לעטלאנד איז דאך שוין אזוי צו זאגען א דעמאקראטישע מלוכה.

דער דאקטאר איז הילפלאז



דאקטאר רעמזי מעקדאנאלד'ס רפואה־מיטלען קענען גאר ניט טאן צו די צוויי פאציענטען — ארבייט און קאפיטאל — אז זיי זאלען זיך ניט ארומרייסען אזוי פיעל.

ניו יארקער בריעף

——):: (——

ברוך הבא, די סוואסטיקא איז דא. — א פלאן פאר שלום. — אמעריקא באקומט א נייעם נאמען, יוסאניא אויפ'ן משקל פון גערמאניא. — אלע וועגען פיהרען קיין דעטראיט.

——):0:(——

פון וואלף ז. שפיגעלמאן.

——):0:(——

ברוך הבא, די ''סוואסטיקא'' איז דא. זי איז אריבערגעשוואומען דעם אקעאן און איז דורכגעגאנגען עליס איילאנד בשלום. אין דער קוואטא, איבער דער קוואטא, אדער אפשר אייסער דער קוואטא? וואונדערט זיך ניט. זי איז אן אמת'ער ''נארדיק'' און האט זיך צוגעאיילט נאך איידער דער נארדישער 18'0 צענזוס איז אנגענומען געווארען. זי האט זיך שוין ערהווארבען א גאנץ באדייטענדע ''פאבליסיטי'' פאר זיך. א סברא גאר, אז זי וועט באקומען א פיינעם פרעזענט אלס קבלת פנים טאקע אין אט דעם צענזוס.

אין אייראפא איז זי אן אלטע באקאנטע. עס קאן אבער זיין, אז איהר ווייסט נאך ניט, ווער זי איז, איהר יחוס ראף דאריבער דערצעהלט ווערען.

* * *

וויסענשאפטסלייט צווייפלען, צו די באדייטונג פון דעם צלם אלס א רעליגיעזער סימבאל, האט זיך ווירקליך אנגעהויבען ערשט מיט'ן אנהויב פון דעם קריסטענטום. א טייל באהויפטעט, אז זיין אורשפרונג איז געווען אין פערזיען; אנדערע זאגען, אז אין אינדיען. אזוי אבער אנדערש, האט זיך אבער די אידישע געשיכטע, זינט די גליגאהנס, די קרייצצוגען ביז צו די היינטיגע־צייטיגע פארשוערענע ''קריסטליך־נאציאנאלע'' צו געוואוינט צו זעהן דעם קרייץ אלס דעם צייכען איבער די פארשוערענע אנטיסעמיטישע באוועגונגען און מעשים.

עס איז ווירקליך געווען דער טראגיקאמיזם פון דער אידישער, אזוי גוט ווי פון דער קריסטליכער געשיכטע, אז אלע אנטי־אידישע באוועגונגען זאלען אנגעפיהרט ווערען גראדע אונטער א צייכען, אויף וועלכען א איד זאל האבען געליטען און געשטארבען. אבער די בלאנדע נאטור פון די נארדישע ראסען, וועלכע האבען דורות־לאנג געשמאכט אונטערן יאך פון — אמת, טאקע געמילדערטע און צוגעפאסטע אבער דאך — אידישע מאראל־לעהרען, האט זיך גענומען בונטעווען. א סטיכישע רעוואלוציע איז אויסגעבראכען. ווען פראבעם ווערען געמאכט צו ''ענטאידישען'' דעם נייעם טעסטאמענט, ווען עס הערען זיך, זאגאר אין קירכען, געשרייען ''נידער מיט דעם יעזוס דעם איד'', האבען די דייטשע אנטיסעמיטען איינגעזעהן, אז די צייט איז רייף צו מאכען אן ענדערונג. פון דעם פארהיסטארישען ארכיוו, האבען זיי ארויסגענומען דעם אלטען, געצענדינערישען און אמת נארדישען צייכען פון דער ''סוואסטיקא'' (צוויי הוקען וואס קרייצען זיך אין מיטען) און געמאכט איהם פאר'ן עמבלעם פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג.

די ערשטע צו באנוצען דעם דאזיגען צייכען איז געווען די פאשיסטישע ארמיי פון היטלער און לודענדארף. דער צייכען האט געזאלט דיענען אלס פאהן פאר די וועלכע האבען אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו ראטעווען דייטשלאנד פון דעם אידישען גייסט. די ''סוואסטיקא'' איז אזוי ארום געווארען אזוי פאפולער, אז זי איז אויך אריין אין דער מארע אלס א נייע מין צירונג. מאנארכיסטען, אריסטאקראטישע דאמען און אנטיסעמיטען פוצען זיך אויס מיט גאלדענע, זילבערנע און מעשענע ''סוואסטיקאס'' צו באווייזען, אז זיי זענען אמת'ע ''נארדיקס'' און אבסאלוט ריין פון אידישען גייסט. זי איז געווארען דאס שרעקענס־בילד פאר אידען און רעפובליקאנער. אויף אידישע און רעפובליקאנישע הייזער, אין צענטראל אייראפא, קאן מען זעהר אפט זעהן אויסגעבעלט — אנשטאט דעם אמאליגען צלם — דעם דראהונגס־צייכען פון דער ''סוואטיקא''.

* * *

מיט'ן צייכען פון דער ''סוואטיקא'' אויפ'ן שער־בלאט איז גאר וואס ערשיענען א צוואנציג־זייטיגע בראשורע, וואס ווערט פארשפרייט אין טויזענטער עקזעמפלארען.

דאס איז ''א פלאן ווי אזוי צו ברענגען שאדען אויף דער וועלט''. דער אויטאר, ערנסט גערנער, וואהרשיינליך אן אמעריקאנער דייטש, האט אפילו דעם פלאן צוגעשטעלט צו דעם ''באק פרייז קאמיטעט'' און געוואלט פאר איהם באקומען די באשטימטע הונדערט טויזענט דאלאר. האט אבער דער ''באק קאמיטעט'' ניט איינגעפונען אז דער פלאן איז דער בעסטער. גיסט ער אוים זיין גאנצען צארן אויף דעם קאמיטעט, וואס איז ניט מעהר ווי א אידיש שפיצעל צו געווינען אמעריקא פארן פעלקער בונד, כדי צו דערהאלטען דעם ''אידישען טראקטאט פון ווערסייל''. אויב איהר מיינט, אז מיר האבען דא צו טון מיט א קרענק, האט איהר א טעות. ער האט א גוט באקאנטען פראגראם: דעם פראגראם פון דער ''סוואטיקא''.

* * *

''די סבה פון דעם וועלט אומגליק איז געווען דער פאקט, וואס בשעת דער מלחמה זענען רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקא, געווען פארטראטען, ניט דורך אריער און ''נארדיקס'', נאר דורך — אידען. די צרה מיט'ן ווערסיילער שלום טראקטאט איז די זעלבע: די פעלקער און מלוכות זענען דארט ניט געווען רעפרעזענטירט נאר מיסרעפרעזענטירט דורך אידען. איבערהויפט איז אמעריקא געווען מיסרעפרעזענטירט דורך קאלאנעל האוז דער בייזער גייסט פון פרעזידענט ווילסאן, דער אלמעכטיגער איד אין ווערסייל. ער איז געווען דער פארשטעהער ניט פון די פאראייניגטע שטאאטען, נאר פון דעם וועלט אידענטום. עס איז מעגליך צו ברענגען אן אלגעמיינעם שלום, נאר ווען די פעלקער זאלען אנערקענען:

''אז מענשען פון אן אנדער ראסע זענען געווארען פעט, רייך און מעכטיג דורך דער מלחמה, האבען פארנומען די פלעצער און זיך רייך געמאכט אויפ'ן חשבון פון די, וועלכע האבען געקעמפט עהרליך, האבען פארכאפט די רעגירונגס מאכט פון די ארישע פעלקער, האבען זיי פארשקלאפט, טיראניזירט און אויף זיי ארויפגעצוואונגען א פאליטיק פון אויסהונגערען.

''אז יעדע נאציאן וואס וועט אנטייל נעהמען אין דער דיסקוסיע, זאל איינשטימען, צוזאגען און זיך פארפליכטען, צו האבען אלס זייערע פארטרעטער, אין אלע זייערע אינערליכע און אויסערליכע פראגען, נאר מענשען פון דער ארישער ראסע און צו באזייטיגען אלע ניט אריער און אלע די וועלכע האבען אפילו א מינימום פון ניט־אריש בלוט.''

דער פלאן זאל באשטעטיגט ווערען דורך'ן אמעריקאנער סענאט און צוגעשטעלט ווערען דורך די אמעריקאנער אמבאסאדארען צו די פארשיעדענע ארישע רעגירונגען.

* * *

צוזאמען מיט דער ''סוואסטיקא'', איז אמעריקא געקרוינט געווארען אויך מיט א נייעם נאמען: ''יוסאניא'' (יו־ס־אניא) וואהרשיינליך אויף'ן משקל פון גערמאניא. די בראשורע איז ארויסגעגעבען געווארען און ווערט פארשפרייט דורך אן ארגאניזאציע וואס רופט זיך ''נארדיק אריען פעדערייישאן אוו יוסאניא'', וועלכע האט איהרע צענטערען אין פארטלאנד, ארעגאן און אין מילוואקי, וויסקאנסין. אן אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די ''נארדיק אריען פעדערייישאן אוו יוסאניא'' איז א דייטש־אמעריקאנער ארגאניזאציע וואס גיט אויך ארויס א דייטשע מאנאטשריפט אונטער דעם זעלבען נאמען, אין פארטלאנד.

* * *

ווער האט אימפארטירט די ''סוואסטיקא'' קיין אמעריקא? ווי גרויס איז די געפאהר? גרייט זיך אפשר א ''פוש'' אין איהר נאמען? ווער שטעהט אונטער דער באוועגונג און שטיצט?

וועגען אויטאר, ערנסט גערנער, קאן געזאגט ווערען נאר אזוי פיעל, וויפיעל ער זאגט אליין עדות וועגען זיך. אין צייט פון קריעג איז ער ניט געווען זעהר שוה בשוה מיט דער ווילסאן אדמיניסטראציע. צוליעב זיין שארפער פרא־גערמאנישער פראפאגאנדע, האט אפילו די רעגירונג דאן אנגעהויבען א פראצעס צו אנולירען זיינע בירגער פאפירען.

לייענט מען אבער זיין פלאטפארם פאר די קומענדיגע פרעזידענטען וואהלען, מיט די צוועלף טעמים, צוליעב וועלכע דער פרעזידענט דארף זיין ''א ראסען באוואוסטזיניגער מענש'', אן ערפאלגרייכער ביזנעסמאן און אזעלכער, וואס וועט זיך ניט לאזען אפקויפען דורך געלד און די אידען — ווערט עס קלאהר, אז אויב אמאל פלעגען אלע וועגען פיהרען קיין רוים, פיהרען זיי היינט, אונטער דעם צייכען פון דער ''סוואסטיקא'' קיין — דעטראיט...

בילדער פון היינטיגע ליטא

——):0:(——

פון א. שמיועל.

אן אומעט פאלט אן, ווען עס קומט אוים ארומצוטראגען זיך איבער ליטווישע פעלדער און וועלדער אין די קאלטע רעגענדיגע הערבסט טעג אדער אין די לאנגע חושך־פינסטערע נעכט. אלע אברים ווערען צוטרייסעלט און דערפרוירען, זיצענדיג אויפ'ן פוהרעל וואס פיהרט דיך פון איין שטעדטעל צום צווייטען. אט רעגענט עס און אט באלד שנייט עס, און דער ווינט רייסט די אויגען, אז עס איז ממש שווער דעם וועג צו דערקאנען.

דער פוהרמאן, אן אידעל אן ארטיגער, וואס ווייסט די געגענד ווי זיינע פינף פינגער, איז כלומרשט פעסט און זיכער ביי זיך; ער זינגט זיך אונטער א ליעדעל, זאגט א גלייכווערטעל אבער ביסלעכווייז ווערט אויך ער אנשוויגען, שטעלט אפ די פערד און קריכט פלוצלינג גאר אראפ פון דער פוהר. איך פיהל, אז עס איז ניט היימליך, און גיב איהם א פרעג, צו האבען מיר זיך ניט אקארשט א לאז געטאן אין א זייט. מיין אידעל שווייגט. איך פארשטעה, אז מיר זענען אראפ פון שליאך, און הלואי, זאל עס זיך גוט ענדיגען... איך וויקעל מיך איין שטייפער אין מיין וואנג־פעלץ און פרוביר איינצודרימלען.

כך הוה: א גאנצע נאכט דרעהען מיר זיך ארום צווישען פעלדער, וועגען און פעלדער. ערשט צום פריהמארגען קומען מיר אין שטעדטעל, וואוהין די נסיעה דויערט געוועהנליך א פאר שעה... אט אזוי פאהרט מען נאך היינט צו טאג איבער די שטעדטלאך פון דער ליעבער ליטא.

אז גאט העלפט, שפאנט מען מיך גלייך איין אין דער ארבייט, איך בין דאך אן אינסטרוקטאר פון נאציאנאל ראט, און עס הויבט זיך אן א קאפ דרעהעניש.

איינמאל, נאך אזא מין נאכט נסיעה בין איך אנגעקומען אין שטעדטעל ב. דארף דאס גראדע זיין בעת דער ענדערונג פון דער וואליוטא. די דייטשע מארקען דארפען אויסגעביטען ווערען אויף אונזערע איינענע ליט'ן. דאס שטעדטעל האט אינגאנצען געקאכט. וואס וועט זיין מיט די מארקען און ווער וועט זיי בייטען און וואו וועט מען זיי בייטען? און וואס איז דאס פאר א מטבע, דער ליט? און צו וועלען די פויערים פארקויפען פאר זיי פראדוקטען? און צו וועט מען זיי, די ליט'ן הייסט עס, אננעהמען אין אויסלאנד? און נאך פראגען אהן א שיעור, האט דאס שטעדטעל געפרעגט. אלץ מוז איך ענטפערען, ווארום, וואו קריגט מען נאך א בעסערע געלעגענהייט צו שטעלען די אלע קלאץ־קשיות, ווי ביים אינסטרוקטאר, וואס קומט פון סאמע ''מקום'' און ווייסט אודאי דעם ריכטיגען אמת?....

א גאנצען טאג האט מען מיך ניט געלאזט רוהען, ווער ס'האט נאר געהאט גאט אין הארצען, האט אלץ געפרעגט שאלות, וואס און ווען און ווי אזוי? בקיצור ביינאכט, א פארמאטערטער, וויל איך זיך שוין אפרוהען נאך מיין ''פינאנציעלער'' טעטיגקייט, אז פלוצלינג קומט אריין א שפאגעל נייע חברה מיט גראבע בודהאלטערסקע ביכער אין די הענט, און דער עלטסטער פון זיי ווענדעט זיך צו מיר מיט א גאנצער רעדע בזה הלשון: ''היות זיי, עס הייסט א גרופע ל—ער סוחרים האבען מיט א האלב יאהר צוריק געגרינדעט אן אקציאן געזעלשאפט, און אריינגעטראגען האט יעדערער צו הונדערט טויזענט מארק; און היות ווי אויף די צונויפגענומענע געלד, האט מען באשלאסען צו עפענען א באנקירסקע קאנטאר, ווייל ווי עס האט געוויזען די צייט, קען מען דערפון ציהען די גרעסטע פראפיטען און היות די באנק האבען זיי געעפענט, געקויפט דאלארען, פונטען, ליטווישע רובעלס, גולדענס, גאלד, זילבער וכדומה, איז דער ענין געווען א גאנץ גוטער. מיט דער צייט האבען זיי אבער אויך אנגעהויבען איינקויפען תבואה, בהמות און עהנליכע דארף זאכען, פאר דער גאנצער צייט האבען זיי קיין ספעציעלען בוכהאלטער ניט געהאלטען. די ביכער האט זיי געפיהרט נחמן דער אייזען־קרעמער, וואס איז אין ב. דער גרעסטער בעל חשבון, איצט אז די מארקען שאפט מען אפ, ווילען זיי זיך אפרעכענען, כדי צו זעהן, וואו זיי האלטען אין דער וועלט. נחמן האט דריי טעג געחשבון'ט. געכופל'ט, געחבור'ט, געחסור'ט, און צום סוף האט ער זיך אזוי פארפלאנטערט אין די דאלארען מיט די קיה, מיט די פערד, מיט די פונטען, עופות, גערשטען און גולדענס, אז מען מוז אנהויבען פון דאס ניי דעם חשבון... הער אינסטרוקטאר,

— האט פארענדיגט דער ראש המדברים,

— אונזער גאנצע האפנונג איז אויף אייך פלאנטערט אונז פארנאנדער, הער אינסטרוקטאר. איהר וועט פארדינען די גרעסטע מצוה!''

ווי איך האב זיי ניט געפרובירט איבערצייגען, אז איך בין ניט קיין בוכהאלטער און אז אין די זאכען פארשטעה איך ווייניג, עס האט גארנישט געהאלפען: איך האב מיך געמוזט אוועקזעצען קנעלען איבער די ביכער, ביז איך האב זיי ניט ארויסגעטראגען מיין פסק דין: אין נחמן דעם אייזענקרעמערס ביכער קאן מען גארניט פארשטעהן, עס איז דארטען קיין בוכהאלטעריי ניטא, נאר סתם אנגעשריבען פערד אויף דאלארען, פונטען אויף קיה און גולדענס אויף תבואה. די ''אקציאנערען'' האבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך, א קוק געטאן אויף מיר, אויף נחמן דעם אייזענקרעמער און גענומען אויסטענה'ן דאס הארץ: סטייטש, אז מיר האבען פאר א האלב יאהר אריינגעטראגען הונדערט טויזענט מארק, איז דאך דאס געווען א מטמון מיט געלד, טא וואו איז דאס אהינגעקומען? זאל זיין מען האט געקויפט תבואה, פערד, דאלארען, פונטען און נאך שווארצע יאהרען, אבער דאס געלד דארף דאך זיין.

טענה'ט נחמן פארקעהרט: איהר האט אריינגעטראגען מארקען, איז דער מארק געפאלען, איז עס היינט גארניט, הבל הבלים... טענה'ן זיי: אבער אונזער געלט? ענטפערט נחמן: עס איז בלאטע, עס איז ניטא. שרייען זיי ווידער: סטייטש ניטא, האסט עס משמעות פארטון, צוהולטעוועט... בקיצור, א ווארט פאר א ווארט, עס איז שיעור ניט דערגאנגען צו א געשלעג. מיט גרויס מאטערניש האב איך אויסגעפראוועט די חברה אקציאנערען פון דער אכסניא, האב אפגעגעסען אוונטברויט אין חלש שלאפען. איך געה אריין אין מיין צימער און געפין, אז מען שנארכט דארט אויפ'ן שעהנסטען אופן. ווער איך א צוקאכטער און לויף צו דער בעל הבית'טע: ''ווער זאג איך, האט אייך געבעטען ביי מיר אין צימער אריינלעגען נאך א פארשוין? די בעל הבית'טע ווערט ניט שטארק נתפעל און מאכט צו מיר: עס איז ניטא קיין פלאץ, מוז מען ליינען צוזאמען, עס מאכט אבער ניט אוים, דער איד איז א סוחר און פאהרט מיט באגינען אוועק קיין קופישאק.

איך בין דערמיט ווייניג געהאלפען געווארען. איך האב געוואוסט אז דער איד וועט מיך ניט לאזען שלאפען און ערשט באגינען וועט ער אפפאהרען. א דאנק איהם. אבער וואס האב איך דערפון? ניין, טראכט איך מיר, דאס איז קיין עסק ניט. מען דארף זעהען פון איהם פטור צו ווערען פריהער. און אזוי זיצענדיג און טראכטענדיג פאלט מיין בליק אויפ'ן וועק־זייגער, וואס שטעהט אויפ'ן טיש. איך קוק מיר צו'עס איז האלב איינס. אנגעשטעלט איז ער אויף פינף אין דער פריה. איך נעהם איהם שטילערהייד, דרעה איבער די ווייזערס אויף דריי שעה, דערנאך טו איך מיר אוים און קריך שטילערהייט אריין צו מיר אין בעט. מהיכי תיתי, טראכט איך, אנדערהאלבען שעה, וועל איך ווי עס איז דורכליידען דעם בראפענגרען, דערפאר וועט שפעטער זיין גוט.

איך האב אקארשט איינגעדרימעלט האט דער זייגער אנגעהויבען קלינגען אזוי הילכיג, אז מיין איד איז ממש ארויסגעשפרונגען פון בעט. ער האט אנגעריבען א שוועבעלע און גענומען בחפזון־דיג זיך אנטון. אין צעהן מינוט ארום איז ער ארוים פון צימער. איך האב שטילערהייד פארמאכט די טיהר און איינגעשלאפען ווי א געהרגעטער ביז שפעט אין דער פריה.

ביים פריהשטיק דערצעהלט מיר מיין בעל הבית'טעס טאכטער, וואס פאר א צרות זיי האבען דאס געהאט פון דעם קופישקער סוחר. דער זייגער, לאזט זיך אוים, איז געגאנגען ניט ריכטיג, איז רע אויפגעשטאנען צוויי אנשטאט 5 און געפער מען צום באהן האלבע נאכט. דער וואקזאל איז נאך געווען פארשפארט און א לעבעדיגער הונט איז דארט ניט געווען. האט ער זיך אומגעקעהרט אין אכסניא, האט מען איהם אהין ניט געוואלט אריינלאזען. האט ער שיעור ניט צוטראגען דאס גאנצע הייזעל קלאפענדיג... איז ער ארום א שעה אפגעשטאנען אויפ'ן פראסט און ערשט דאן האט מען איהם אריינגעלאזט אין עס שטוב.

* * *

פאר דער מלחמה, בעת אלס איז געגאנגען כשורה, איז קאוונא געווען א קליינע גובערניאלע גרענעץ־שטאדט, און ווען אויסערארדענטליכע געשעהענישען האבען נאך ניט אויפגעטרייסעלט דאס היגע אידישע לעבען, האט אין קאוונא, מיט דער הילף פון צדקה, עקזיסטירט א קליינער בית יתומים אויפ'ן נאמען פון קאוונער רב רבי יצחק אלחנן. דער דאזיגער בית יתומים עקזיסטירט נאך עד היום. איצט זענען דארטען פאראן מעהר קינדער, און די ענגשאפט אין זיינע חדרים איז גרעסער און באקוועמליכקייטען זענען וועניגער סיי פאר די ערציהער, סיי פאר די קינדער. דער תוך אבער פון אנשטאלט איז געבליבען דער זעלבער ווי געווען: די זעלבע אונערפאהרענע פעדאגאגישע ערציהונג, די זעלבע סיסטעמלאזיגקייט אין אלץ, די זעלבע אפגעלאזענקייט אין עניני סאניטאריע.

די מלחמה האט איבערגעלאזען א היבשע ירושה דעם מזרח אייראפעאישען אידענטום בכלל און דעם ליטווישען בפרט. טויזענדער היימלאזע, הונדערטער יתומים, קינדער ביי עלטערען קראנקע, שוואכע און שוצלאזע. דאס אלץ האבען די ליטווישע אידען אפגעירש'ענט מיט דער אויטאנאמער פארוואלטונג, וואס זיי האבען גענאסען. און בנוגע די דאזיגע אונבאהאלפענע קינדערלאך זענען די אלטע עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס געווען צו ווייניג, כדי צו לעזען דעם קינדער פראבלעם, וועלכער האט זיך ענטפלעקט פאר די אויגען פון דעם ליטווישען אידענטום. א דאנק די באמיהונגען פון אן ענערגישען מערב אייראפעאישען איד דר. לייטאן, וועלכער האט שוין געהאט אויף דעם געביט אן ערפאהרונג, א דאנק די באדייטענדע געלד מיטלען, וואס דאס אמעריקאנער אידענטום האט אראפגעשיקט קיין מזרח אייראפא, האט זיך אין משך פון די לעצטע יאהרען איינגעגעבען צו שאפען עטוואס אזוינס, וואס קאן דינען אלס מוסטער ניט נור פאר ליטא, נאר זאגאר פאר דער וועלט, אפילו פאר דעם ערפאהרענעם, באהאווענטען אין ערציהונגס עניני מערב. בנוגע צו מזרח אייראפא קאן מען מיט זיכערהייט זאגען: פאהרט דורך אלע לענדער פון אמאליגען אידישען תחום, וועט איהר ניט געפינען עטוואס עהנליכעס, וואס זאל זיין אזוי מוסטערהאפט איינגעארדענט און צוגעפאסט צום לעבען...

דאס קאוונער קינדער הויז איז אן אינסטיטוציע, וואס איז אנגעזאפט מיט ליעבע, סימפאטיע און איבערגעבענהייט פון די לעהרער און מנהיגים צו די קינדער און פארקעהרט: עס הערשט א הארציגע אטמאספערע, ווי אין א משפחה. די ליעבע פון די לעהרער ווערט אפגעענטפערט פון די קינדער אויף א הארציגען אופן.

א קליינער איינגעפאלענער מרחץ. פון כמה יאהרען א וויסטער, א פוסטער, א קאלטער, איז פארוואנדעלט געווארען אין א קינדער קאלאניע, וואס באשטעהט פון קינדער פון אלע עלטער. איהר קומט אריין אין א צימער: דארטען ליגען יונגע עופ'עלאך פון 1 ביז 3 חדשים; דא איז אן אונטערגעווארפען קינד, וואס מען האט עס אין א הערבסט נאכט געפונען אויפ'ן שוועל פון בית המדרש; דא איז א קיילעכדיגע יתומה, וואס איהר פאטער איז ניט לאנג געשטארבען נאך א לאנגער און שווערער קרענק און די מוטער איז אוועק אויפ'ן עולם האמת, בעת דאס קינד איז געבוירען געווארען; ווייטער ליגט א יתומה אהן א פאטער, א קינד פון א שטערבליך קראנקער מוטער און נאך און נאך... 12 קינדער זויגלינגע, צו וועלכע עס זענען פאראן ספעציעלע אמען, אויף וועלכע עס גיבען אכטונג ספעציעלע באַרעמהערציגע שוועסטער...

60 קינדער אין דער עלטער פון 2 ביז 15 יאהר, 15 קינדער 2—3 יעהריגע; 26 קינדער ביז 18 יאהר וואס זענען שוין האלב זעלבסטשטענדיג, ארבייטען אין דעם ''ארט'' שול און זענען שוין כמעט בעלי מלאכות. א פולשטענדיגע גאלעריי פון קינדער בילדער, און קוקט איהר זיך צו זיי צו, וואונדערט איהר זיך ממש ווי פיין זיי זענען ערצויגען. אמת, זיי שטיפען, און זיי ברויזט א קוואל פונ'ם לעבען. ווי טאקטיש אבער זיי באנעהמען זיך מיט פרעמדע מענשען, מיט וואס פאר א הארציגקייט זיי באציהען זיך צו די לעהרער און מיט וואס פאר א פליים זיי פארנעהמען זיך מיט זייערע למודים און

(פארזעצונג אויף פיידוש 3)

עקזעמא
איהר עקספערימענטירט ניט ווען איהר נוצט דר. טשייס'עס אוינטמענט פאר עקזעמא און הויט־אויפרייצונגען. ס'העלפט גלייך און היילט ביסלעכווייז די הויט. סעמפעל באקס פון דר. טשייס'עס אוינטמענט — פריי, ווען איהר דערמאהנט די צייטונג און שיקט 2ס. סטעמפ פאר פאסטעדזש. 60ס. א באקס; ביי אלע דיעלערס, אדער: עדמאנסאן, בייטס און קאמ., לימיטעד. טאראנטא.

פראווינציאלען ווערען בארויבט און באנומען פון אלע זייטען אין ניו יארק

מען דערקענט דעם פראווינציאל לויט זיין הילוך. — מען רעכענט איהם אימעטום הויבע פרייזען און מען ליידיגט איהם אויס זיינע קעשענעס ביז'ן דעק. — מען דארף זיין א חוצפה'ניק און מען טאר זיך ניט לאזען פיהרען אין באד אריין. — ווי אזוי א גרויסער מיליאנער האט זיך ניט געלאזען באנעהמען אין ניו יארק.

)-:0:-(

פון אשר'ס אייניקעל.

)-:0:-(

אין ערגיץ איז מען אזוי ניט עלול צו באויבט ווערען און צו באנומען ווערען פון קאפ ביז די פיס ווי אין דער גרויסער שטאדט ניו יארק. ווען א פראווינציאל פאלט אריין אין א ניו יארק, דערקענט מען איהם באלד לויט זיין הילוך. מען רעכענט איהם הויבע פרייזען. מען שינדט פון איהם א פאס. וואו ער קעהרט זיך און וואו ער ווענט זיך, ליידיגט מען אויס זיינע קעשענעס און מען לאזט איהם איבער ווי ער שטעהט און געהט.

דער הויט־שינדערישער פראצעס הויבט זיך אן גלייך ביים ארויסגעהן פון וואגאן. דער ערשטער הויבער איז דער טרעגער. ווען א גרויס שטאדטישער מענש גיט טראגען א רענצעל, וועט מען קיינמאל ניט קוקען וויפיעל און מען וועט נאך ארויסמורמלען דעם צוקערזיסען „טהענק יו, סער!" ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פרעמדען, וועגען א פראווינציאל, קאן מען זיך ניט אויסצאהלען. מען מוז געבען א גראבע מטבע, און טאמער ניט מען ניט — איז רעכט צו פאדערען, צו ארייזאגען יענעם מיט'ן גראבען ווארט און ארויסרייסען ביי יענעם א גראבע מטבע.

דערנאך הויבט זיך אן א מעשה מיט א טעקסי. עס זענען דא פארשיעדענע טעקסים און עס זענען דא פארשיעדענע קאמפאניעס. איינינע קאמפאניעס רעכענען ביליגערע פרייזען, און אנדערע טייערערע פרייזען. איינינע באזיצען מאשינדלאך, וועלכע רעגיסטרירען יעדען שפאן, יעדען קעהר און ריהר פון דער טעקסי. אנדערע ווידער רעכענען אויף דער שעה. אן אייגענער מענש קאן שוין קיין טעות'ן ניט מאכען. אן אייגענער מענש ווייס שוין וועלכע טעקסי אין א ראעלע און וועלכע עס בלאפט און פארפיהרט דעם עולם. א פראווינציעלער איז אבער ניט איבערקלייבעריש. זעצט ער זיך אריין אין א וועלכער ניט איז טעקסי — און הלך משה מאטע!

אין געוויסע טעקסים איז ארויסגעהאנגען א צעטעל, וואו מען רעכענט אויס וויפיעל עס קאסט א מייל, וויפיעל פאסאזשירען זי קאן פיהרען און ווי אזוי דאס געלט ווערט רעגיסטרירט. איז דאך שוין גוט און כשר? לאזט זיך אבער אויס, אז די שאפירס זענען גרויסע מזיקים. זיי קאנען רעגולירען די מאשינדלאך און זיי קאנען, אויף אזא אופן, ארויספישען איבעריגע עטליכע דאלארס פון א פראווינציאל, וואס ווייסט ניט דעם סוד פון פעלשען מאשינדלאך אין טעקסים. א ניו יארקער וועט גלייך באמערקען דעם שווינדעל און וועט סטראשען מיט צורופען א פאליסמאן. און פאר א פאליסמאן האט א שאפיר מורא. ער קאן פארלירען די „לייסענס" און ער קאן אוועקגעשיקט ווערען פון זיין שטעלע.

ווי אזוי זשע איז מען זיך נוהג מיט א פראווינציאל? ערשטענס „פיקסט" מען דאס מאשינדעל און מען מאכט איהם צו סילק'ן מעהר מיט עטליכע דאלאר, און צווייטענס פיהרט מען איהם דורך זייטיגע גאסען און געסלאך, כדי דער עסק זאל געדויערען לענגער, און כדי די צעהן־סענט שטיקלאך זאלען „וואקסען". דער פראווינציאל קוקט אויפ'ן רעגיסטער. ער זעהט ווי עס וואקסט ווי אויף הויוון. אבער ער ווייסט ניט אז דא קומט פאר א פעלשונג, אז מען באשווינדעלט איהם און מען באגנב'עט איהם אינמיטען העלען טאג.

דערנאך הויבט זיך אן א סדרה פון האטעלען און רעסטאראנען. אן אמעריקאנער וועט צאהלען דעם סטאנדארד־פרייז. ער וועט אלע מאל זיך אויסטענה'ן, אנווייזען אויף דער טאקסע, אויף די טאבעלען און וועט אלע מאל אפדינגען. דאס איז ניט קיין רעזולטאט פון קארגשאפט, נאר פון געזונט. אויב עס איז דא א טאקסע, — פארוואס זאל א מענש צאהלען איבעריגע געלט? פארוואס זאלען מענשען וועלען ארויסקריגען ביי יענעם אומזיסטיגע מטבעות?

א פראווינציאל וועט זיך ניט דינגען. ערשטענס ווייסט ער ניט, אז מען באנעהמט איהם, און צווייטענס טראכט ער זיך, אז ער קומט אין ניו יארק איינמאל אין א יאהר אדער צוויי יאהר, ווערט איהם קאסטען מיט א פופציגער, אדער מיט א הונדערטער מעהרער. דורך א פופציגער קאן א מענש ניט באנקראטירען און דורך אן איבעריגען „טיפ" קאן מען ניט שטארבען. בויגט דער פראווינציאל דעם קאפ און צאהלט וואו ער געהט און וואו ער שטעהט. קומט ער אין א רעסטאראן, דינגט ער זיך ניט; הייסט ער געבען וואס מען באט איהם אן. עס פאסט ניט צו טענה'ן מחמת ווען א מענש טענה'ט קאן ער זיך נאך ארויסכאפען מיט אן אומפאסענדיג ווארט, און מען קאן נאך דערקאנען, אז ער איז א גרויסער עם הארץ אין הלכות ניו יארק. און ארויסגעשטעלט ווערען פאר אן עם הארץ, וויל קיינער ניט.

פאלט ווער אריין אין אזא קעסעלגרוב ווי ניו יארק, אזוי לויערען אויף איהם טויזענטער אויגען. מענשען שטעהען און ווארטען אויף איהם, ביז ער וועט זיך פארקוקען וואו פויגעלאך פליהען, ווען זיי ביי איהם ארויסשלעפען פון קעשענע א בייטעלע געלט, א גאלדען זייגערל, א פאאר פענסנע, א פאונטיין פען, אדער עפעס אן אנדער זאך. געהט ער אריין אין א קאר אדער אין אן „על", וואקסט שוין אוים ארום איהם א קעשענע גנב, וואס שארט זיך ארום זיינע קעשענעס און פלייסט זיך צו צוקומען צו די „קלינגערס". כאפט מען איהם אריין אין אן „אקשען טייל" — אזוי איז ער שוין זיכער, אז ער וועט ארוים פון דארט נקי, אהן א סענט ביי לייב־און־לעבען. דער ניו יארקער שווינדלער ווארט אויף קליין שטעדטעלדיגע „יאלדען", און דערטאפט ער ערגעץ א „יאלד", איז שוין איהם ניכא וואס צו מקנא זיין.

דער באקאנטער פילאדעלפיער מיליאנער ערווארד באק, וועלכער האט ניט לאנג צוריק ארויסגערופען א סענזאציע אין דער אמעריקאנער עפענטליכקייט מיט זיין הונדערט טויזענט דאלארדיגען שלום־פלאן, איז אמאל געווען א בעלן און האט זיך ארויסגעלאזען איבער ניו יארק, כדי צו זעהן ווי אזוי מען באנעהמט דעם עולם. זיינע שילדערונגען וועגען די דערפאהרונגען אין די ניו־יארקער גאסען, אויף די וואקזאלען, אין רעסטאראנען, טעאטערס און אנדערע עפענטליכע ערטער, זענען זעהר אינטערעסאנט. און כאטש זיי זענען געשילדערט געווארען אין דעם קרענקליכען שטרענג־אמעריקאנישען גייסט; כאטש אין געוויסע ערטער האט ער שוין געהאנדעלט ניט ווי א מיליאנער, נאר ווי א פראסטער שנארער — דאך קאן מען פון זיינע שילדערונגען זיך קונה זיין א באגריף וועגען די רויבערישע מעטאדען, וואס ווערען פראקטיצירט אין ניו־יארק.

באק דערצעהלט, אז ער איז אריין אין וואלדארף אסטאריא האטעל און האט זיך געהייסען דערלאנגען א טעפעלע מילך מיט ביסקיטס. ווען ער איז פארטיג געווארען, האט מען איהם אונטערגערוקט א ביל אויף זעכציג סענט. ער איז אבער ניט געווען פויל און האט צוגערופען דעם ווייטער און האט איהם מיט'ן הארבען ווארט געזאגט, אז ער זאל איסבייטען דעם ביל אויף א צוואנציג־סענטיגען, און ערשט דאן וועט ער סילק'ן די פאר סענט. דער ווייטער איז אוועק, און אין עטליכע מינוט ארום האט ער איהם צוריק געבראכט אן אנדער ביל אויף צוואנציג סענט.

אן אנדערש מאל, דערצעהלט באק, האט ער גענומען א טעקסי לעבען דער פענסילווייניע רעילראוד סטיישאן און האט זיך געהייסען פיהרען צום מעדיסאן סקווער גארדען. ווען דער שאפיר האט איהם געהייסען באצאהלען פינף און אכציג סענט, האט זיך באק ניט געשעהמט און האט גלייך ארויסגעצויגען פון קעשענע א טאבעלע, און האט איהם געוויזען, אז דער פרייז פון דער נסיעה איז ניט מעהר ווי א פערטעל דאלאר, און פאר'ן טשעמאדאנטשיק קומט איינגאנצען 10 סענט. ארום און ארום הייסט עס א קיילעכדיגע סומע פון פינף און דרייסיג סענט. באק האט ארויסגענומען פינף און דרייסיג סענט און איז מיט א שמייכעלע אראפ פון דער טעקסי און איז אריין וואו ער האט באדארפט.

אין אן אנדער פאל איז באק אריין אין רייכען רעסטאראן און ער האט געהייסען זיך סערווירען א גוטען מאהלצייט. נאכ'ן עסען האט מען איהם צוגעטראגען א ביל אויף א דאלאר מיט פערציג סענט. ער האט א בליק געטאן אויפ'ן ביל, און האט באצאהלט די פאר סענט. דערנאך האט ער דעם ווייטער געגעבען צעהן סענט אלס „טיפ". ווען ער האט זיך אפגעקעהרט אן א זייט, האט ער געהערט ווי אזוי דער ווייטער האט אנגעוויזען אויף איהם און האט אריינגעשושקעט זיין חבר אין אויער אריין, זאגענדיג אז „אט דער מאן וויל שנעל רייך ווערען"....

באק האט צוגערופען דעם מענעדזשער פון רעסטאראן און האט איהם דערצעהלט די מעשה. ער האט פאר איהם געהאלטען א „לעקציע" און האט איהם געזאגט, אז דער ווייטער איז ניט גערעכט. דער ווייטער, האט באק געזאגט, האט איהם סערווירט א פרעמדען מאהלצייט, און האט נאך געקריגען א זייטיגען „דיים" אלס הוספה צו זיינע שבירות. ער האט, דעריבער, ניט געהאט קיין רעכט צו גראמבלען אויף דער קליינער מטבע; וויפיעל מען גיט — דארף מען נעהמען און זאגען א דאנק...

באק'ס דערפאהרונגען דארפען ווייזען, אז מען דארף זיך אין ניו יארק ניט לאזען פיהרען פאר דער נאז. מען טאר זיך ניט שעהמען. קעפען קעפט מען קיינעם ניט, און אויב מען וויל ניט בארויבט ווערען אהן א פארוואס און אהן א פארוועו, דארף מען עפענען די לעפצען און רעדען מיט באק־צייהנער. א נעבעכיל וועט אין ניו יארק אויסגעזויגען ווערען ווי א לימענע און וועט ארוים מיט לעדיגע קעשענעס.

מען קען קויפען אלע סארטען טיטולען פאר א פאר דאלאר

פון א. משערניגאז.

אין דער שווייץ געפינט זיך איצט א פירמע וואס פארקויפט טיטולען, אלע סארטען טיטולען וואס מען קען הערען און געדענקען, פאר צעהנדליג, פאר הונדערט און אין גאנץ זעלטענע פאלען פאר א פאר טויזענט אמעריקאנער דאלאר.

די פירמע האט עטליכע אדרעסען און קיין אפענע קאנטאר האט זי ניט. זי האט פשוט מורא. אבער מען זיך מיט איהר, דורכשרייבען, מאכען שריפטליכע אנפראגען און אלע מאל שיקט די דאזיגע פירמע צו איהרען א פארטרעטער, וועלכער פארענדיגט דעם מסחר.

די פירמע האט זאגאר א פרייז קוראנט וועלכען זי צושיקט איבעראל, הויפטזעכליך אין די רייכע אייראפעאישע האטעלען וואו עס געפינען זיך אמעריקאנער אדער אנדערע רייכע לייטע געהער, און מען קען פון דעם פרייז קוראנט זעהען וואס עס קאסט און אויסקלייבען זיך א טיטעל וואס איז נעהענטער צום הארצען און צוגענגליך צו דער קעשענע. עס איז גאר ניטא קיין טיטול וואס איהר זאלט ניט קריגען אט ביי דער דאזיגער פירמע מארקיז, גראף קניאז, וויצע קאנסול, גענעראל, דאן פארשיעדענע געלעהרטע טיטולען. א מיטגליעד פון יענער און יענער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע, א טרעגער פון א מעדאל פון יענער און יענער ליטעראַרישער, אדער קינסטלערישער אקאדעמיע.

די פירמא האט איהרע אגענטען איבעראל אין די גרויסע אייראפעאישע שטעדט און ווען א רייכער אמעריקאנער באזוכט, לאמיר זאגען, פאריז אדער לאנדאן, קאן ער שריפטליך ארויסקריגען ביי דער פירמע אזא טיטול וואס זאל זיך פאסען נאר איהם און ברענגען דאס אהיים אלס אויפטו. אפילו אן אויסצייכענונג אין דעם לעצטען קריעג מיט דער פאסיגער מעדאל און דער ליענטע אויף וועלכער די מעדאל הענגט, קען אזא רייכער אמעריקאנער ברענגען אהיים, כאטש ער האט קיינמאל אין לעבען ניט געשמעקט קיין פולווער און האט די עצם מלחמה געזעהען בלויז אין די מאוויעס.

אז איהר עפענט אויף דעם פרייז־קוראנט פון דער פירמע ענטפלעקען זיך פאר אייך אזעלכע טיטולען און אזעלכע אויפטואונגען און אויסצייכענונגען פון וועלכע איהר האט אפשר קיינמאל ניט געהערט און אפשר האט קיינער קיינמאל ניט געהערט. אבער דאס איז ניט וויכטיג. די טיטולען זענען דא, די מעדאלען אויך, און איהר קריגט זיי, ווען איהר באצאהלט נאר דאס געלט.

פאראן אין איטאליע א מעדאל וואס הייסט גראנד קארדאן. מען זאגט אז מען קען דאס קריגען נאר אז מען ווייזט ארויס גרויסע העלדענטאטען. אין פרייז קוראנט איז ער דא און ער קאסט פערציג דאלאר. פאר 40 דאלאר באקומט איהר א מעדאל אויפ'ן ברוסט מיט א ליענטע פון שעהנע קאלירען און א פאפיר מיט א גרויסען רויטען זיגעל, אז איהר זענט בארעכטיגט צו טראגען דאס צוליעב די און יענע גרויסע העלדענטאטען, וואס איהר אליין צו־עפענט ברייט די אויגען און וואונדערט זיך ווי אזוי איהר, אזא געוועהנליכע־מענש, האט נאר ווען עס איז געקענט באגעהן אזעלכע גוואלדאוונע העלדענטאטען.

אין פאלערמא איז דא א געזעלשאפט פון בעמיקער וועלכע גיט ארויס מעדאלען צו די וואס האבען זיך שטארק אויסגעצייכענט אויף דעם פעלד פון דער דאזיגער וויסענשאפט. די מעדאל וואס די דאזיגע געזעלשאפט גיט איז פון גאלד באצירט מיט קליינע דימענטען און זי הענגט אויף א ליענטע פון בונטע קאלירען וואס מאכען זעהר א גוטען איינדרוק. אבער שרעקט זיך ניט. עס מיינט ניט אז איהר מוזט דוקא זיין א בעמיקער. איהר מעגט אפילו ניט וויסען צו דאס איז א וויסענשאפט וואס לערענט אייך טרעפען פון די שטערען, אדער אזא וואס לערנט אייך אויס טאנצען אין דריי אוראקען. צאהלט איין זעכציג דאלאר און איהר קריגט די מעדאל מיט האק און פאק, און אלע אייערע באקאנטע וועלען טאקע מיינען אז איהר זייט א גוואלדיגער בעמיקער און אז איהר האט זיך ביז איצט באהאלטען פון דער וועלט און קיינעם ניט אויסגעזאגט וואס פאר א גרויסער מענש און וויסענשאפטסמאן איהר זייט.

אין פאריז איז דא אן אקאדעמישע געזעלשאפט פון אונטערנאציאנאלער געשיכטע. איהר מעגט זיך וויסען אין אינטערנאציאנאלער געשיכטע ווי א האהן אין בני אדם. נאר אז איהר צאהלט איין פערציג דאלאר קריגט איהר א מעדאל פון דארטען, א מעדאל מיט אלע קליפעריאך דערצו.

אין נעאפעל איז דא אן אקאדעמיע פון אנטראפאלאגישער וויסענשאפט, וואס טראגט זעהר א לאנגען און אימפאזאנטען נאמען. אין דעם פרייז קוראנט פון דער דערמאהנטער פירמע פארזיכערט מען אייך, אז די דאזיגע אקאדעמיע איז פארבונדען מיט דעם דארטיגען אוניווערזיטעט וואס דאס איז נאך דערווייל ניט באוויזען געווארען. אבער דאס איז פון די קלייניקייטען. די דאזיגע אקאדעמיע „ערוועהלט" אייך פאר איהרען א מיטגליעד און ניט אייך ארויס א פאפיער און א מעדאל מיט א ליענטע פאר עטוואס איבער הונדערט דאלאר.

פאר וועניגער ווי צוויי הונדערט דאלאר קריגט איהר ביי דער פירמע א מעדאל וואס ניט אייך דעם טיטול פון קאמאנדיר פון דער רויטער האלבער לבנה פון מאראקא. דאס איז אן אמת'ער טיטול אין מאראקא, וואס ווערט ארויסגעגעבען צו מענשען וואס האבען געהאט גרויסע אויסצייכנונגען. אבער פאר אייך איז בכלל ניט נויטיג צו זיין אין מאראקא און אודאי ניט צו אויסצייכענען זיך אין עפעס. איהר מעגט אפילו ניט וויסען וואו מאראקא איז, צו אין קאווקאז אדער אין האמילטאן. באהלט איין די פאר דאלאר און איהר ווערט דער „קאמאנדיר".

אהן א שיעור טיטולען קריגט איהר פאר אזוי פיעל און אזוי פיעל דאלאר לויט דער גרויסקייט פון טיטול, וואס ווערען ארויסגעגעבען פון הייליגען פאבסט. דער הייליגער פאבסט האלט אין איין באלוינען טרייע קאטאליקען מיט הויבע טיטולען פאר זייער ארבייט פאר דער קירכע און פאר זייער איבערגעבענהייט. ער גיט די דאזיגע טיטולען און מעדאלען מיט זיי אויף רעקאמענדאציעס פון בישאפס אין אלע ווינקלען פון דער וועלט און די בישאפס ווידער גיבען געוועהנליך די רעקאמענדאציעס אויף רעקאמענדאציעס פון קלענערע גלחים. איז אט מיט די קליינע גלחים און מיט פיעלע בישאפס שטעהט די דערמאהנטע פירמע אין שטענדיגער פארבינדונג און טוט מיט זיי מסחר. און עס איז גאר נימא קיין טיטול וואס דער פאבסט זאל ניט ארויסגעבען וועלכען מען זאל ניט קריגען פאר געלט. צו ווערען א קאוואליער פון דעם ארדער דער הייליגער גרעגאר קאסט א פופציג דאלאר. פאר דעם טיטול קאמאנדיר צאהלט איהר ארום דריי הונדערט דאלאר. דער טיטול באראן קאסט 12 הונדערט דאלאר. פאר דעם טיטול גראף צאהלט איהר עטוואס מעהר און פאר דעם העכסטען טיטול מארקיז באצאהלט מען 15 הונדערט דאלאר. ביליגער ווי בארשטש. פאר וועלכע עס איז לומפיגע 15 הונדערט דאלאר ווערט איהר א מארקיז, אייער ווייב א מארקיזיכע און אייערע קינדער מארקיזעלאך, ווארום דאס איז א טיטול וואס געהט איבער בירושה.

עס פארשטעהט זיך, אז אום צו קריגען אזעלכע טיטולען מוזט איהר זיין א קאטאליק און איהר מוזט ווייזען א בריעף און א רעקאמענדאציע פון א בישאפ, אבער די פירמע וואס האנדעלט מיט טיטולען באזארגט די אלע זאכען פאר אייך. זי קריגט פאר אייך דעם בריעף און מאכט אייך פאר א קאטאליק אפילו אז איהר זייט דאס ניט. איהר דארפט טאן נאר איין זאך און דאס איז איינצאהלען די פאר דאלאר.

שפאניען איז א לאנד וואו טיטולען זענען דא אהן א שיעור און א גאנץ גרויסע צאהל פון זיי זענען „צום האבען" פאר געוויסע סומען געלט. אויב איהר ווילט קריגען דעם טיטול פון ריטער פון יאהאן דעם בישומר אין שפאניען, א טיטול וואס רעכענט זיך דארטען פאר זעהר א געהויבענעם און וואס קומט מיט מעדאלען, ליענטעס און זאגאר אן אוניפארמע מיט א שווערדעל ביי דער זייט. אויב איהר ווילט קריגען אזא טיטול ווערט דאס אייך די פירמע צושטעלען אין איינע פאר וואכען פאר קנאפער ווי טויזענט דאלאר. א כשר'ע מציאה.

אויך אין בולגאריע געפינט מען גענוג טיטולען צו קויפען דורך דער פירמע, ערשטענס קריגט איהר דארטען פאר וועלכע לומפיגע פערציג דאלאר א מעדאל פון בולגארישען רויטען קרייץ און א פאפיר, אז איהר האט ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע העלדישקייט אין צייט פון קריג, און דאן קריגט מען דארטען טיטולען וואס א מויל קען נאר ארויסריידען און אלץ פאר שפאט ביליג, בחצי חנם.

אז עס גליסט זיך אייך צו ווערען א דיפלאמאט דארפט איהר גארנישט טאן פאר דעם און דארפט אפילו ניט וויסען דעם טייטש פון ווארט, די דערמאהנטע פירמע מאכט אייך פאר וויצע קאנסול פון די פאלגענדע לענדער: באליוויא, ווענעזועלא, גאטעמאלא, קאסטא ריקא און נאך זיד אמעריקאנישע און צענטראל אמעריקאנישע רעפובליקען. איהר דארפט די לענדער ניט אנקוקען, איהר מעגט אפילו ניט וויסען וואו אייגענטליך די דאזיגע לענדער ליגען. מען מאכט אייך פאר א וויצע קאנסול פון די דאזיגע לענדער וואו איהר ווילט, מיט אלע דיפלאמאטישע פריווילעגיעס וואס קומען דערמיט (אריינגערעכענט די פריווילעגיע פון קריגען צוגעשיקט שנאפס און די „טרוקענע גזלנים" זאלען דאס פון אייך ניט אוועק נעהמען) און אלץ וואס איהר באצאהלט פאר דעם איז פינף הונדערטער. קיין סענט ניט מעהר. מען שיקט אייך זאגאר צו די פאסיגע קליידער און די נויטיגע מעדאלען, ווי עס קלייד זיך א וויצע קאנסול און איהר קענט דאס אנטאן צו אלע פאראדען.

וועגען שפאניע קענען מיר צוגעבען אז איהר קריגט דארטען פיעל אנדערע טיטולען פאר געלט איידער די וואס מיר האבען פריהער אויסגערעכענט. איהר קענט ווערען א שפאנישער באראן באר 18 הונדערט דאלאר, א שפאנישער גראף באר צוויי טויזענט דאלאר און פאר ניט פיעל טייערער א שפאנישער מארקיז.

פאראן א רעפובליק אין אייראפא איז דאס די גרויס ווי א קליין טל ומטר'ל. מען זעהט דאס כמעט ניט אן אויף דער אייראפעאישער לאנד קארטע. די דאזיגע רעפובליק סאן מארינא הייסט זי, געפינט זיך לעבען איטאליע, און דארטען קריגט איהר וואס פאר א טיטולען איהר ווילט נאר און גאר ניט טייער. די פרייזען פון טיטולען פון דער סאן מארינא רעפובליק ווערען אין פרייז קוראנט פון דער פירמע אויסגערעכענט אין איטאליענישע לירעס. א באראן דרייסיג טויזענט לירעס א גראף פערציג טויזענט לירעס, א הערצאג קיז פופציג טויזענט לירעס, א הערצאג זיבעציג טויזענט לירעס און א פרינץ 90 טויזענט לירעס. לויט דער פרייז פון לירעס איצט איז דאס די גרעסטע מציאה.

ווי איהר זעהט דארף מען נאר האבען די פאר דאלאר און מען קען ווערען אלץ אין דער וועלט: א ריטער, א מארקיז, א וויסענשאפטסמאן, א קינסטלער, וואס ניט.

אלע שפייז דארף זיין פארזיגעלט

די מעדיצינישע פראפעסיע איז שטענדיג דערפאר, אז אלע שפייז־פראדוקטען זאלען פארקויפט ווערען אין פארזיגעלטע פעקלאך, אין אלע שטעדט גיט מען שטרענג אכטונג, אז אן די בוטשער־שעפער זאלען די פליישען אפגעהיט ווערען, אין פיעלע שטעדט פארבאט מען לויזע מילך און ביסלעכווייז וועט אזוי זיין מיט אלע שפייזען. „סאלאדא" איז געווען די ערשטע, מיט איבער 32 יאהר צוריק, צו איינפיהרען פעקלאך טיי און „סאלאדא" איז נאך איצט די ריינסטע, און אביסעל בעסערע טיי ווי אנדערע. עס האט דעם גרעסטען פארקויף.

דייטשע רעגירונג באערט טאראנטאר פאר העלדישקייט

מיעאר הילץ האט שבת איבערגעגעבען צו דושיי. באנאן פון 26 פעמבראק סטריט א מעדאל וואס איז צוגעשיקט געווארען פון דער דייטשער רעגירונג פאר העלדישקייט, וואס ער האט באוויזען בעת א שיפס־אומגליק אין 1922. מר. באנאן האט דאן געראטעוועט זיבען מענשען פון א זיכערען טויט.

אינגעל פארוואונדעט

וויליאם בלענד, א פיער יעהריגער אינגעלע פון 91 ווילקאקס סטריט, איז שבת איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל אויף ספעדיינע עוו. און הארבארד סטריט. ער איז צוגענומען געווארען אין גרייס האספיטאל.

M. S. COHEN
COAL
קויפט קוילען פון
מ. קאהן
גיט גלייך דעם ארדער איהר קריגט די בעסטע הארטע קוילען און צופרידען גאראנטירט.
פארגעסט ניט דעם נומער. טעלעפאן טריניטי 4524. — אפיס קוילען יארד 114 יוקליד עוועניו.

Detecketing!

נאך דער גרויסער רויבעריי האבען די רעפארטערס זיך א לאז געטאן ארום די העדקוואטערס צו זעהן דעם דעטעקטיוו העין שוויצער. וואס איז וועגען דער רויבעריי? „וואס הערט זיך, העין" — האבען זיי געפרעגט.
„גארנישט פיעל", האט געזאגט דער דעטעקטיוו, „אבער איך האב א גוטען שפור".
דא איז א גוטער „שפור" פאר אייך אויך! ער געפינט זיך אין דעם גרויסען קאמענרי'ען סטראלערס קאנטעסט וואס איהר קאנט געווינען זאמלענדיג און פארקויפענדיג סטראלערס שפור־בילדער. $300 אין פרייזען.
דער „שפור" איז פון א מאוווי־סטאר וועמעס בילד עס וועט ערשיינען אין דעם לעצטען קאנטעסט־צעטעל, וועלכער וועט געדרוקט ווערען אין דיזער צייטונג דעם 26־טען אפריל. גרויסע אדער קליינע בילדער וועלען אנגענומען ווערען.
זאמעלט און בייט סטראלערס מאווי־סטאר פיקטשורס
STROLLERS
דער סיגארעט מיט'ן אריגינעלען געשמאק
THE TOBACCO PRODUCTS CORPORATION OF CANADA, Ltd. HAMILTON, ONT. SC-12

מענער ספרינג
העמדס
די לעצטע קאלירען און שיידס
$3.35
אויך ספעציעלע מציאות אין מענס פורנישינגס
BUCKHAM
Limited
באקהעם לימיטעד
264 יאנג סטריט

די קרוין פון אלע מצות
ציון
TRADE MARK
ושמרתם את המצות
איהר דארפט זיין פארזיכטיג מיט די מצות וואס איהר קויפט אויף פסח. איהר וועט זיין אם בעסטען צופרידענגעשטעלט פון
סיימאן און וויל
מצה
מצה
מצה מעהל
מצה פארפעל
און קעיק מעהל
פון סינסינעטי
„די קרוין פון אלע מצות"
פריש ווי פון אויווען ארוים; געשמאק, יעדער ביסען א פארגעניגען; כשר, בהשגחת הרב הגאון ר' יוסף מאיר לשווין. קאסט ניט טהייערער ווי געוועהנליכע מצה
SIMON & WEIL, CINCINNATI, OHIO
אין טאראנטא צו באקומען ביי:
וויקטאר בעהר,
182 ליפינקאט סט.
טעלעפאן טריניטי
5128 J



ארבייטער דער׳הרג׳עט

טאמאס הערים, א אייזענבאהן־ארבייטער איז שבת נאכמיטאג איבערגעפאהרען געווארען פון א באהן אין די לעמבטאן יארדס.

פסח׳דיגע עסענס

קענט איהר באשטעלען אין בעסטען רעסטאראן פון שטאדט, וועמענס מאטא עס איז צופרידענצושטעלען די באזוכער.

ארדערט אייערע

פסח מאלצייטען

— אין —

רובינס רעסטאראן
270 קאלעדזש סטריט

טעלעפאנס טרינטי { 8876 / 6332

א באזונדער פריוואטען צימער צו פראווען די סדרים.

רעגירונגס ערלויבניש
ביי הרב גארדאן
פאר יין של פסח

ארענזשמענטס זענען געמאכט געווארען מיט די „באארד אף לייסענס״ קאמישיאנערס, אז די יעניגע וועלכע ווילען האבען ווייו פאר

ארבע כוסות כשר לפסח

זאלען עס באקומען ביי

הרב יעקב גארדאן
116 בעווערלי סטריט טאראנטא

טעלעפאן טרינטי J 7938

רעגירונגס ערלויבניש
ביי הרב ליוויי
פאר יין של פסח

ארענזשמענטס זענען געמאכט געווארען מיט די „באארד אף לייסענס״ קאמישיאנערס, אז די יעניגע וועלכע ווילען האבען ווייו פאר

ארבע כוסות כשר לפסח

זאלען עס באקומען ביי

הרב מאיר צבי ליוויי
288 באטהורסט סטריט

טעלעפאן טרינטי F 3893

באיעס סוטס

אייער באוואוסטער דייווים פון באיעס קלאדינג לאזט אייך וויסען אז ער האט א גרויסען סטאק פון באיעס סוטס, לאנגע און קורצע פענטס אויף ספרינג קאוטס, די שענסטע סטיילס, ראטשעסטער סטיילס, די בעסטע ארבייט, גוטע ווארע.

אויב איהר ווילט אז אייערע קינדער זאלען זיין יום טוב שעהן געקליידעט קומט צו מר. דייווים 165½ קווין וועסט. טעלעפאן עדלייד 1114.

4485-4-21)

די וואוינונג פון

הרב מאיר פערגער

— דער —

טאראנטאר רומענישער רב

איז ביי מר. זילבערמאן, 32 סיסעל סט. מכירת חמץ און אלע אידישע אנגעלעגענהייטען קען מען זיך ווענדען צו איהם.

4708-4-28)

דוד פינסקי

באוואוסטער דראמאטורג און שריפטשטעלער, וועט לעזען זיין נייע דראמע

„דריי״

פרייטאג אווענט 25־טען אפריל אין פארבאנד הויז 24 סיסעל סט.

שבת אווענט 26־טען אפריל וועט ער האלטען א לעקציע איבער דער טעמא

„די אידישע ליטעראטור״

— אין —

אנשי ענגלאנד האל

זונטאג אווענט 27־טען אפריל

א גרויסער קאנצערט

מיט די בעסטע לאקאלע קרעפטען צוזאמען מיט דוד פינסקי

אין אנשי ענגלאנד האל

איינטריט צו אלע אווענטען בלויז 1 דאלאר. טיקעטס צו באקומען ביי פארבאנד און פועלי ציון חברים.

עלעקטרישען

הויז וויירינג און ריפיירס, עסטימיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.

דזשיי דזשייקאבסאן

27 באלדווין סטריט

טעלעפאן טרינטי J 3248

ווייסט איהר וועגען גענעראל וואולף, וועלכער האט איינגענומען קענעדע פאר די ענגלענדער?

וועגען וואולפ׳ן און וועגען אנדערע וויכטיגע פערזאנען קענט איהר לייענען אין

א. ריינוויינ׳ס

נייעסטען בוך

קאנאדע - איהר געשיכטע און ענטוויקלונג

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און אין „זשורנאל״ אפיס

EMPIRE THEATRE
עמפייר טעאטער

די גאנצע היינטיגע וואך הורטיג און סימאן פרעזענטירען

גליקליכע טעג

— מיט —

וויל ה. וואַרד

די טאנצענדיגע טייוואלים.

PANTAGES NOW PLAYING

יונגע ליעבע, יונגע בלוט אין א שטורם־ווינט פון איבערראשונגען

רעדזשינאלד דעני
אין „ספארטינג יונגענט״

קוירנעל עדווין האוז און זיין קאלאראדער קאו־באי בענד, ווי אויך פיינע אנדערע גרויסע אקטען.

אנפאנגענדיג נעקסטען שבת:

דזשעקי קוגען

— אין —

„א באי פון פלאנדערס״

LOEW'S THEATRE

א גאנצע וואך

א שפאנענדע מואווי

„פרויען וואס גיבען״

6 וואדעוויל אקטען.

SHEAS

די גאנצע היינטיגע וואך

פלארענס וואלטאן

מיט דזשוליעט, הערי וואטסאן, דזשעק קליפארד, ריימאנד ווילבערט. — נייעס־רעוויו.

HIPPODROME

די גאנצע היינטיגע וואך

סער האל קעינס ראמאנס

„די אייביגע שטאדט״

איבעראשענדיגע נייעס

קויפט אייערע דישעס איצט

א גרויסער בארגיין

אין דישעס, גלאזווארג, אלימינום, ענעמעל און הארדוועאר. ביליגער ווי איבעראל. קומט און איבערציינגט זיך אין נייעם הארדוועאר סטאר

17 באלדווין סטריט

מיר פארענטען אויך דישעס אויף שמחות.

4597-4-18)

הרב ש. פ.
ריזענמאן

געוועזענער רב פון גאלאין

נעהמט אן קהל׳שע אנגעלעגענהייטען, אויך ערשטער קלאס מוהל מיט דאקטארישע ציינגנישע. אויך די ספרים „תפארת ירושלים״ „ואמרי שפר״ אין 10 חלקים „ותחית ציון״ 1 חלק פון הרב הנ״ל זענען צו פארקויפען ביים רב אין הויז.

Rabbi F. RIZENMAN,
155 McCaul St., Toronto Ont.

טעלעפאן טרינטי J 3179

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טערולי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
10 TERAULEY ST.

פאלגענדע בוטשערס
זענען אונטער דער השגחה פון הרב יהודה ליב גרויבארט

יצחק זילבערשטיין, 137 דאנדעס וו.
קאהן, 170 דאנדעס וועסט.
קאליכארי, 472 דאנדעס וועסט
אייבראמס, 804 דאנדעס וועסט.
ווייס, 799 דאנדעס וועסט
סאלאמאן באל, 820 דאנדעס וועסט
לערמאן, 840 דאנדעס וועסט
אייבראמס, 795 קווין וועסט
וויינראט, 249 אגוסטא עוועניו
לענטשנע, 47 גרענדוש עוועניו
טוביה גראס, 153 מיקאל סטריט

וויינראט, 84 עליזאבעט סטריט
גוטפעלד, 58 קענזינגטאן עוו.
אינגערמאן, 38 קענזינגטאן עוו.
אייבראמס, 36 סענט עדריו
בערלין, 26 סענט ענדריו
בערלין, 31 באלדווין סטריט
סקאפ, 27 באלדווין סטריט
שמשון גרוימאן, 20½ באלדווין סט
אייבראמס, 2 ד׳ארסי סטריט
פיינשטיין, 270 פארלאמענט סט.
ישראל קאהען, 2 קענזינגטאן עוו.
שלמה גוטפעלד, 128 עליזאבעט סטריט

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען

איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין

56 יארק סטריט (נעגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)

דעם „אידישען זשורנאל״

באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי

אדווערטייזמענטס פאר׳ן „אידישען זשורנאל״

אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.

י. ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן

טעלעפאן רידזשענט F 3045

קלאדינג סייל לכבוד פסח

אלעס אין מענער קליידער און דזשענטס פורנישינג פאר יונג און אלט, באקומט איהר אין

דייוויס סטאר

א גרויסער אויסוואהל פון סוטס און קאוטס פון די בעסטע ווארע, לעצטע סטיילס, ביליגסטע פרייזען.

בלוי און גריי סטרייפ סוירדזש סוטס	$24.95
ריבד קאמבינייישאנס	$1.39
באלבריגאן קאמביניישאנס	89 סענט
ענגלישע זעפיר העמדער	$1.29
קאזמיר וואלענע זאקען	35 סענט
קאטאן זאקען 2 פאר	25 סענט

קומט צו אונז און קויפט אלעס וואס איהר דארפט אויף יום טוב.

D. DAVIS, 94-96 Queen St. W.

א זיסען און א פרעהליכען פסח

וועט איהר בלויז האבען ווען איהר וועט נוצען

לאבעלס
מאקאראנען און קייק

כשר לפסח בהכשר הרב גארדאן. געשמאק, פריש און בעטעמט.

פארדערט פון אייערע דילערס, אז צוזאמען מיט׳ן פסח׳דיגען ארדער זאלען זיי אייך ברענגען מאקאראנען און קייק פון לאבעלס מאקאראנען אדער קייק, וועלכע זענען די בעסטע אין שטאדט.

אדער קויפט דירעקט אין 358 קאלעדזש סטריט, 322 ספעדיינע עוו. 153 דאנדעס, 178 קווין וועסט, 250 ספעדיינע עוו, 257 קווין וועסט, און 781 דאנדעס סטריט וועסט.

ס. קופטשיק

דער באוואוסטער רעסטאראטאר האט ערעפענט דעם

רומעניען רעסטאראן און גריל
אין 276 קאלעדזש סטריט

איהר קענט דארטען באקומען אלע רומענישע מאכלים און אלעס וואס אייער הארץ גלוסט.

מיר נעהמען אויך אן צו קייטערען פאר חתונות, באנקעטען און פארטיס.

Gold·Rock
Brightens the Home
Cleanser
Made in Canada

אויפמערקזאם

צו אלע גראסעריס וואס האלטען גאלד ראק קלינזער אזדאס איז כשר לפסח בהכשר הרבנים דפה. מען מעג עס פארקויפען צו אלע אידען, ווייל עס איז דער בעסטער קלינזער צו קלינען, שייערען און פוצען.

קהלה כשרות דירעקטארי

בהשגחת הרב י. גארדאן, והרב י. וויינריב.

מ. וואל, 782 דאנדעס סטריט וועסט.טעל. טרינטי 6857.
מ. פאלאק, 602 דאנדעס סטריט וועסט.טעל. טרינטי 8927.
ישראל זימראד, 120 גרענדזש עוו. טעל. טרינטי 0445.
עפעלזאפט, 818 דאנדעס סטריט וועסט.טעל. טרינטי 9603.
שפערלינג, 697 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 5770
הערימאן, 823 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 3895.
יצחק ליפקין, 125 עליזאבעט סטריט.
בערקין, 707 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 8033
מ. גאלדמאן, 784 דאנדעס סטריט וועסט טעל. טרינטי 7726.
היימי ווייספעלד, 42 קענזינגטאן עוו. טעל. טרינטי 7496.
מ. גורעוויטש, 844 דאנדעס סטריט וועסט.
שלומה הענדלער 331½ קווין סטריט איסט.
בעריל הערימאן, 47 באלדווין סט. טעלעפאן טרינטי 5277
מענדיל גודמאן, 170 בראנזוויק עוו. טעלעפאן טרינטי 5292.
אברהם חיים וואלפיש, 197½ באלדווין סט. טעל. טרינטי 7789
לייזער זימזאמער, 549 דאנדעס וו. טעל. טרינטי J 9369
פ. מארגאלים, 527 קווין סט. וו. טעל. עדלייד 5540
מ. גאלדמאן, 854 דאנדעס סט. וועסט, טעלעפאן טרינטי 2445
סעם מענדעלסאן, 76 עדווארד, טעלעפאן עדלייד 3668.
משה גראס, 90 נעסאו סטריט, 134 עליזאבעט סט. טעל. מיין 3262
קלמן גרינשפאן, 12 קענזינגטאן עוו. און 9 בראנזוויק טרינטי 7966
יצחק סאלאווי, 94 אסינגטאן עוו. טעלעפאן לייקסייד 6422.
סעם גוטמאן, 219 קווין סטריט וועסט.

די שחיטה אין „סיטי שלאכט הויז״ און „קענעדיען פעקינג קאמפאניע״ איז בתכלית הכשרות.

נייע קצבים זאלען זיך מעלדען צו די רבנים פון דער קהלה.

אויב איהר דארפט געזעליגע פאפירען

אלע געזעליגע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון

ה. וויינבערג

דזשאסטיס אף פיעס

אין אפיס פון „אידישען זשורנאל״

253 קווין סטריט וועסט

לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדלייד 4651 — 4652

טראסט און פריוועט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

לאיער אי. סי. סאלאמאן

אפים מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט—רום 207

טעלעפאן עדלייד 3640 רעזידענץ טעלעפאן: טרינטי W 5953

מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגידזש
איך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

פעקטאר און שולמאן, לאיערס

מעגינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

לאיער בירענבוים

אפיס: דאמיניאן באנק בילדינג קארנער קווין און בעי. טעלעפאן אדעלייד 7287.

וואוינונג: 226 בעווערלי סטריט. טעלעפאן טרינטי 7406.

לאיער סאל אייזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים. קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס

דאמיניאן באנק בילדינג קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4 טעלעפאן עדלייד 3083.

רעזידענס 484 מארקהאם סטריט. טעל. טרינטי W 1904

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פו זאלע פראווינצען פון קאנאדע.
לאא אפים 154 סימקא סטריט.
די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען:
עדלייד 7965 און 7966

מיר לייען געלט אויף ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס

הייד, הייד, שארי און ניומאן
לאיערס.

4 ריטשמאנד סטריט איסט. טעלעפאן מיין 2431

מאלדאווער און ראזענבערג

לאיערס און נאטארים פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטריט.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ קענוואוד J 4206
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

לאיער א. גרינבוים

מעניגג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט, רום 212
טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ טעלעפאן: טרינטי J 5998

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ: טרינטי W 7024.

לאיער לואיס נ. סאקלאף

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט

לאיער דענבערג, ב.א.ל.ל.ב.

רום 224 פעדעראל בילדינג
קארנער שעפפערד און ריטשמאנד וועסט. } טעלעפאן אדעל. 1264
הויז: 32 דיוויזשאן סטריט. טרינטי W 3796.

לאיער הערי פיין

33 עדלייד סטריט וועסט
אפים באהאן בילדינג.
טעלעפאן עלדזשין 2191. הויז־טעלעפאן לייקסייד W 9188

לאיער מ. גארדאן ב. א.

באריסטער, סאליסיטאר א. אז. וו.
רום 822 פעדעראל בולדינג
85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענס טריניטי 4925

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע הארטע קוילען.
268½ קווין סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 8766.